יידישע, וואס איז אויסגעוויילט געווארן פון דער השגחה צו ליווערן זיין בלוט אנשטאט אייל פאר די רעדער פון וועלט-רעוואלוציעס, דארף בעסער קעמפן פאר אינטערנאציאנאלע גאראנטיעס, ביז עס וועט אויפשיינען גאטס ליכט אין די הערצער פון די יאשעקס און וואיטעקס און זיי וועלן פארשטיין דעם זין פון לעבן, וכו'.

## א מעלדונג פון אונזערע „העפטלעך"

מיר האפן דאס די קומענדיקע „העפטלעך" וועלן ווערן געדרוקט אין 32 זייטלעך אנשטאט 16, און יעדער עקזעמפלאר וועט דערפאר קאסטן -/1 אנשטאט 6 פענס.

## יידיש-ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן רידינג-רום, 38 אדלער סטריט. — 3 אזייגער נאכמיטאג).

שבת, דעם 6-טן מאי, וועט זיין די טראדיציאנעלע ל"ג-בעומר פייערונג. דוב וואַרשאַווסקי וועט האלטן א פארטראג „בר-כוכבא און די געטא-העלדן". מען וועט פארלייענען פון די יידישע דיכטונג איבער בר-כוכבא און לידער געווידמעט דער יידישער געטא.

שבת, 13-טער מאי, וועט זיין געווידמעט דעם טויט פון שמואל זיגלבוים. דער ארבעטער-און קולטור-טוער, מ. מיטדל, וועט האלטן א פארטראג איבער דעם בונדישן פירער שמואל זיגלבוים. די שוישפילערן דארא דימאנט וועט דעקלאמירן איציק מאנגער, וולאדיסלאוו בראניעווסקי לידער, געווידמעט שמואל זיגלבוימען. י. ביעטש וועט לייענען ה' לייוויקס ארטיקל איבער ש. זיגלבוים.

שבת, דעם 20-טן מאי, וועט זיין א שבת געווידמעט די קולטור-טעטיקייט אין דער יידישער לאנדאן. ס'וועלן זיך באטייליקן מיטגלידער פון אלע פארטייען און קולטור-ארגאניזאציעס.

שבת, דעם 27-טן מאי, ערב שבועות, וועט זיין די טראדיציאנעלע שבועות פייערונג. פארלעזונגען און רעציטאציעס פון די ווערק פון אונזערע פראזע-און פאעזיע קלאסיקער, וועלן געהאלטן ווערן. עס וועלן אויך פארלייענען אייזיק גאלדבערג, ש. ראטה א.א.

**א. נ. שטענצל**

פערלאג י. נאראדיצקי און זין, 129, קאוועל סטריט, א.1.





# יידיש-לשון

## דאס פנים פון א פאלק

(נאר איינציקע שטריכן דערפון)

„לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה אשר בשמים ממעל ואשר בארץ מתחת ואשר במים מתחת לארץ".

.1

טויזנטער יארן מוז עס דויערן ביז דאס מענטשלעכע פנים באקומט דעם צלם אלוקים! און מיט טויטן-מאסקעס פון גאנצע דורות פארעמט זיך דאס לעבעדיקע פנים פון א פאלק. אין זיינע איינגעקארבטע שטערן-פאלטן מוז מען שפירן דאס וויעץ פון די ווונדן, פון יענעם קלימאט אין וועלכן עס פארעמט זיך; דער ריח-געדוך פון יענער צעאקערטער ערד מוז דערפון ארויסשמעקן! פון זיינע זשמורענדיקע וויעס און געדיכטע ברעמען מוזן ארויסקוקן די באוואלדערטע טייכן, צעציטערטע מיט זון, מיט אונטערגאנג און מיט אויפגאנג.

און דאס אויסגעקנאטענע פרצוף-פנים איז ערשט בלויז דער נעגאטיוו, פון וועלכן ס'ווערט „ארויסגענומען" און רעטושירט דאס גייסטיקע בילד פונם פאלק.

די געזעצמעסיקייט פון דער ארומיקער נאטור, די אויסערלעכע געשעענישן און קאנפליקטן,—דער שווערער און הארטער דרוק פון דער געארדנטער וועלט אויפן אינדיווידום, פון פערזענלעכן ווילן אויף די צוזאמען זיך האלטנדיקע מאסע,—לאזן איבער זייערע בולטע און טיפע שפורן, זיי שניידן ווי מיט געשארפטע מעסערס זייער קין-צייכן; זיי זיינען אבער ווי די אותיות אין דער חתימה, וועלכע זיינען אין איר פארקערט אויסגעשניטן!

און דאס איז דער גאנצער סוד פון מענטשלעכן שאפן, אז דער פערזענלעכער חותם,—דער שארפער דרוק אויף אייגענעם לייב און לעבן! — קאן געהיילט פארגייסטיקט ווערן, און מיט דער היילנדיקער הילף פון זיין פארמאטערטן איך, זאלן אלע וויי-אויך-ווונדיקע און צעשראמטע איינדרוקן צוריק באקומען זייערע ערשטע אור-פארמען; דער „נעגאטיוו" באלויכטן פונם שעפעריש-גייסטיקן און באגייסטערטן אינם פאלק באקומט דעמלט זיין אייגן וויזיע-בילד — דאס איז די התגלות אינם פאלק! די מאסע גופא ווערט דעמלט נתגלה! עס איז ענטפלעקט און פסיכיש דערלייזט, זיינע שורש-ווארצלען שפירט עס אונטער זיינע טריט און אלע הימלען זיינען אים אפן און פריי אי-בערן קאפ.

דער גייסטיק דערלייזטער, וועלכער איז שוין נישט מער אין קאנפליקט

מיטן קאַנטיקן אַרום, זיין געשטילטע אינערלעכקייט איז נישט אין קיין שום סתירה מער מיטן אויסערלעכן דרויסן; דער שעפערישער, וואָס זיין ריטמיש־געפאַרעמט וואָרט איז די באַדייטונג שוין פון אַלע זאַכן, איז פסיכיש דערלייזט; מיט די בילדער—מיט די חפצים—אַרום זיך פאַרשפּילט ער די פאַטאַלאָגישסטע לייַדנשאַפט אין זיך! ער ווערט בטל אין זיי און גייט אויף מיט זיי אַ זחניק צעבליטער.

וואָרום נאָר דאָס נאָך נישט פאַרגייסטיקטע בלויז, חאָס שטייף־געזעצטע, נישט שעפעריש־געפאַרעמטע,—די נאָך נישט געזיגלטע חתימה פון מענטשענס אומבאַהאָלפנקייט און געזעצמעסיקייט, נאָך שטייענדיק אַלץ אונטער דרוק פון אויסערלעכע געשעענישן,—איז בלויסער רעפלעקס נאָר פון בל־חי׳שע באַגערן, פאַרטייטשונג פון צופעליקן ווילן. אָבער דאָס ריין־געפאַרעמטע קינסטלערישע וואָרט איז שוין די דייטלעכע מיט האַרץ־בלוט געטונקטע חתימה, אונטערן גאַנצן סך הכל און טראָגט די גאַנצע אחריות פון מענטש און פאָלק.

.2

און אין דער פּלאַסטישער קונסט איז דער ענין נאָך אַ סך דייטלעכער און אוממיטעלבאַרער ווי אין דער וואָרט־קונסט און אפילו ווי אין דער מוזיק.

וואָס איז דען דער גאַנצער אונטערשייד פון אַ טויטן־מאַסקע צו אַ סקולפּטור, פון אַ פאָטאָ־בילד גענומען פון אַ קאַמעראַ ביז צו אַ געמאָלן קונסט־בילד? דער גאַנצער חילוק איז נאָר דער שעפערישער דויער, די כסדרדיקע ענדערונגען אינם משך פון דער נויטיקער שפּאַן־צייט בשעת אין מאָלן. וואָרים זאָל די אויטאָמאַטישע קאַמעראַ „אַרבעטן" די גאַנצע צייט,—ווי לאַנג אַ מאָלער פאַרברויכט בכדי אָפּצומאָלן אַ בילד! — וועט דאָך אַרויסקומען אַ גאַנצער פילם־שטרייפן. דער קינסטלער, וואָס מאָלט אַ פּאָרטרעט, איז זיך מצמצם אויף די שטריכן און פלעכן פון אַ מענטשלעך פּנים, און ער איז קולט אַלע אינערלעכע און פסיכישע געשעענישן און קאָנפליקטן פון זיין אָביעקט,—פּונקט ווי ער איז אויך תופס די אויסערלעכע רוימלעכע ליכט־און שאָטן רעפלעקסיעס!— וואָס געשען אין דער שפּאַן־צייט פון זיין אָנגעשטרענגט באַשעפטיגונג.

און באמת, אַ קונסט־פּאָרטרעט געמאָלן פון אַ עכטן מאָלער קאָן אויסזאָגן מער פון זיין מאָדעל ווי אַ גאַנצער פילם־שטרייפן גענומען פונם לעצטן, מיט אַלע מעגלעכע קאָנפליקטן און האַנדלונגען, וואָס ציען זיך אַ לעבן לאַנג.

דאָס קינסטלערישע בילד איז דער געפאָרעמטער אויסדרוק,—דער ריטמיש־סינטעטישער,—פון די אַלע טויזנט איינדרוקן, וואָס דאָס פּנים טראָגט פאַרבאָרגן באַהאַלטן אין זיינע פאַלטן און קנייטשן. אין אַ צוק פון אַ ליפּ, וואָסער פאַרבאָרגענער סוד ס׳קאָן דאָס ליגן, אַ געירשנטער נאָך פון טאַטנס־טאַטן און אים צו מאַכן אַרבן זיין קינדס קינדער נאָך. . . .

און מהאי טעמא האָט די פאָטאָ פון אַ גייסטיקן מענטש, די טויטן־מאַסקע פון אַ גאון נישט וועניקער אויסדרוק ווי פון אַ געפאָרעמט קונסט־בילד, ווייל דאָס פּנים גופא שוין פונם שעפערישן מענטש, פונם גייסטיקן גאון, איז דער



אויסדרוק פון דער כסדרדיקער אַרבעט אין אים; דער שטאַרקער אָנשטרענג אין אים, אויסצוגלייכן דעם אייביקן קאָנפליקט צווישן וועלט און מענטש. אין די טיפע פאַלטן פון הויכן געקאַרבטן שטערן, אין די ווינקלען פון זיינע שלייפן ווערט פאַרהוילן יעטוועדע סתירה פון לעבן — דער עכטער גייסטיקער מענטש, אויף וועמעס פּנים ס׳רוט דער צלם אלוקים, איז אָן אויפהער אין שעפערישער באַוועגונג. יעדער הרף עין, וואָס אַ קאַמעראַ־אויטאָמאַט איז ביכולת אויפצוכאַפּן, איז פול מיט דערפינדערישע איינפאַלן און ענדערונגען, אין זיין דורכדרינגענדיקן בליק איז תמיד די שפּילנדיקע וויזיע פון די קומענדיקע צייטן.

און דאָס גייסטיקע שאַפן פון אַ גאַנץ שעפעריש פאָלק איז אין זיך כולל דעם דויער פון זיין גאַנצער עקזיסטענץ! אַלע דורות, — פאַרגאַנגענע און קומענדיקע,—אַרבעטן אין פאָלק אַרויסצובאַקומען דאָס פּנים פון פאָלק! אין זיין שאַפן ווערט מען געוויר דאָס וואָס ס׳איז געווען און מ׳לערנט דערפון אַרויס דאָס וואָס ס׳וועט ערשט זיין. זיין וואָרט־קונסט זיינען די ווערטער, וואָס וועלן מקוים ווערן, ווייל זיי זיינען דער ריטם פון זיין גאַנצער עקזיסטענץ.

.3

שעפעריש וואָרט איז נישט אויסטייטשן, אָדער פאַרטייטשן, איז נישט איבערגעזעצטער געדאַנק, אָדער געפיל; וואָרט־קונסט איז דייטונג פון דער חידה וואָס הייסט לעבן, איז פּתרון פון אייביקן מענטשלעכן חלום — ס׳איז דער ווידער־קול פון די רוישיקע וועלדער און פלעסקנדיקע וואַסערן צווישן וועלכע ער לעבט, מיט די פייגל אין הימל זינגט עס שירה צו יעטוועדן אויפגאַנג און אונטערגאַנג.

און בכדי נאָך מעלאָדישער צו ווערן און נאָך ריטמישער, בכדי צו קענען דערגרייכן יענע האַרמאָניען, ווי ס׳איז שוין צומאָל נישטאָ קיין אונטערשייד אפילו צווישן טרוים און דייטונג, צווישן חידה און פּתרון, פאַרעמט זיך דער מענטש שוין מיט דער מיטהילף פון אַלע זאַכן — יעטוועדער חפץ גיט אים דעם טאָן צו לאָזן אויפהילכן דאָס ווידערקול פון זיין האַרץ! אויפן מינדסטן צוויגעלע האָלץ, אויפן דינסטן אָדערל פון אַ ציקעלע וועט ער עס אויסציטערן מיט זיינע נערוועזע פינגער—אַלצדינג איז פאַר אים אינסטרומענט! יעטוועדער מעטאַל!! עס איז די הייליקייט פון דער מוזיק, וואָס נאָך אויף דער אָפּגעשינדענער הויט פון אַ נבלה קאָן דער מענטש אויספּויקן דעם אומרואיקסטן פּולס פון זיין געמיט.

און האָט נישט, אין די מענטשלעכע אור־דורות, דער זיגער אויפן שיידל־שאַרבן פון זיין שונא אויסגעפּויקט זיין פּרימיטיוון און פרייִדיק שוידערלעכסטן נצחון מאַרש? און אין אונזער קאָמפּליצירטער צייט, אין דער צייט פון מאַשינען און קאָפּ־שווינדלדיקער טעכניק, איז דאָס קלאַוויר אַזאַ מאָנסטרום־אינסטרומענט, אויף וועלכן דאָס מעלאָדישסטע פונם מענטש קעמפט זיך אַדורך, מיט גרויסער נויט און געוואַלטיקער פּרעציזקייט, ווי אויפן לויפנדיקן־באַנד, ביז

עס האַרמאַנירט זיך מיט עלעקטרישע קלאַוויש־שנעלקייט, אַקטאַוויש־האַרמאַניש.

און אין דער פלאַסטישער קונסט איז דער ענין נאָך אַ סך אומימיטלבאַרער, סיי קאָסמיש און סיי וואָס בנוגע צייט־און אָרט־געבונדנקייט, ווייל אין דער פלאַסטיק נעמט דער מאַטעריאַל און די טעכניק נאָך אַ פיל גרעסערן אַנטייל אין שעפערישן פּראָצעס.

און דאָס איז דער מהות פון דער קונסט און איר גרויסקייט, אַז יעטוועדעס פּערזענלעכע שלעכטס און צומאָל דער חסרון פון אַ פאָלק,—יאָ אפילו די אומבאַהאָלפענע קאָמישקייט פון דער גאַנצער מענטשהייט ! — קאָן ווערן אויפגעהויבן און וווּנדערלעך געליַיטערט, ווען עס נעמט אָן קינסטלערישע פאָרמען — דער נעגאַטיוו באַלויכטן אינם דויער פונם באַגייסטערטן שאַפן ווערט ריטמישע קאָמפּאָזיציע !! דאָס מאָדעל (דער שטאַרבלעכער מענטש, דאָס פאַרגייענדיקע פאָלק) איז נאָר צופעליקע און צייטווייליקע בויטורענדיקייט געווען, פאַר דעם אומשטערבלעך דערפון געשאַפענעם.

דער „לא תעשה לך פסל“ פון אונזער אור־קולטור איז די מורא פונם מענטש נישט צו דערזען זיין אייגן פנים — ער האָט דעם קין־צייכן נישט געוואָלט זען ! מיט געטלעכע געזעצן דעם צלם־אלוקים צוערשט אויספאָרמען, איידער עס זאָל ווערט ווערן אָראָפּצונעמען דערפון דאָס בילד פון זיין בילד.

און אפשר איז עס גאָר דאָס עטישע געזעץ וואָס האָט גובר געווען די עסטעטישע פאָרעם ? פאַרוואָס זאָל דען דאָס מענטשלעכע פנים נאָר זיין מאָדעל בלויז פאַרן פּראָצעס פון מענטשלעכע שעפערישקייט ? זאָל דאָך גייסטיקער ווילן, געטלעכע קראַפט אַרבעטן אין מענטש גופא און ס'זאָל ווערן דער דויער פון זיין אייגענער ענטדערונג ! זאָל דאָך דערציִיגן ווערן אַ שטאַרקע גייסטיקייט אין מענטש, אַ כאַראַקטער־ווילן, און דאָס גופא זאָל ווערן דער אויסדרוק פונם מענטשלעכן פנים און יעטוועדער מענטש זאָל טראָגן דעם צלם־אלוקים אויף זיך.

.4

און אונזער אור־קולטור האָט אַ סך דערמיט דערגרייכט ! מיר ברויכן זיך נאָר דערמאָנען בלויז אין אַ באַקאַנטן נאָמען פון אונזער אַלטן און נאָך אפילו פון אונזער נאָענטן עבר, און ער שטייט פלאַסטיש שוין, ווי אין שטיין אויסגעהאַקט, פאַר אונזערע גייסטיקע אויגן. (זיינען דען נישט געווען אונזערע געזעצגעבער און נביאים אַזעלכע וויזיע־מאָדעלן פאַר אַ סך פון דער גאָטישער סקולפּטורן און רענעסאַנס בילדער ?) דער געשיכטלעכער נאָמען אַליין מיט זיינע געזעצלעכע האַנדלונגען און הייליקע טואונגען איז שוין דויער פון שעפערישן פּראָצעס.

יאָ, טויזנטער יאָרן האָט עס געמוזט נעמען און דויערן, אין גלגולים אָן אַ צאָל האָבן הונדערטער דורות געמוזט אַדורכגיין, ביז דאָס מענטשלעכע פנים האָט באַקומען דעם צלם־אלוקים. על כל פנים, געשיכטלעך צורעטושירט און שעפעריש דערגענצט מיט קינסטלערישער פאָרעם, האָט דער מענטש, מיט



זיין גאַנצער צעריסנקייט, סוף כל סוף, דאָך דערגרייכט צו אַ געוויסער שלימות . . .

און אין אונזער מאָדערנער יידישער קונסט פילט זיך ניט נור בלויז די וויען און די ווונדן פון אונזער אומה, נאָר אויך דאָס ווייען פון די ווונדן אין די קלימאַטן אין וועלכע זיי זיינען געשאַפן געוואָרן ; אין אונזערע נייע שאַפונגען שפּירט זיך דער ריח־גערוך פון דער ערד פון וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעקנאָטן.

און נישט נאָר דאָס אַליין, פונקט ווי אונזער אַלטע קולטור מיט אירע תרי"ג־געזעצן וועלכע האָבן געאַרבעט אין אונזערע גופים, זיי אויסצופאָרמען, האָבן אונז גייסטלעך צונויפגעהאַלטן ווי אַ געמיינזאַם פאָלק, פונקט אַזאַ חושימדיקן כוח האָט אויך אונזער מאָדערנע קולטור, וועלכע איז שוין אַרויסגעוואַקסן פון אונז, פון אונזער לייב און לעבן.

איז עס נאָך נויטיק אָנצווויזן אויף אַזעלכע ערד־געבונדענע, פון די איינגענע דלד־אומות אַרויסגעטראָטענע ווי טביה, ווי ר' יחזקאל גאַמבינער ? אָדער אויף פּרצעס און מענדעלעס החרתדיקע פנימער, וואָס יעטוועדע האָר פון זייער באָרד האָט נאָך אַן עלטער־עלטער זיידע דאָ אין אייראָפּאַ באַהאַלטן צווישן די בלעטער פון אַ „ספר חסידים“, צי פון רמ"א ?

און איז ווייסנבערגס שטעטל נישט געגריטהפעסטיקט דאָ, פון דעמבענע זיך, פון אַזעלכע טאַטעס אויסגעכאַוועטע ? און ווי אייראָפּעאיש און יידישלעך צוגלייך איז שוין בערגעלסאָנס אַ פנים מיט „צעוואָרטלטע ליפּן“, כאָטש אָן אַ סימן שוין פון אַ באָרד !

און ווער קאָן פונאַנדערטיילן דעם אייביק יידישן זיפץ פון יענעם טייכל־געפלעטשער, ביי וועלכן מ'איז גראָד געזעסן און מעלאָדיש אויסגעזונגען אונזער וווּנדערלעך אויגעטדלעך פאָלקסליד ?

און די אומימיטלבאַרקייט פון דער פלאַסטישער קונסט איז עס, וואָס אין איין יאָרהונדערט האָבן מיר דערגרייכט, אַז אין אַלע מוזעאומס פון אייראָפּע זאָלן זיך געפינען אונזערע סקולפּטורן און בילדער —

פּיסאַראָ און ליבערמאַן, שאַגאַל און מאָדעלאַיני, גליצנשטיין און עפּשטיין זיי זיינען עס, וועלכע האָבן געגעבן אַ חשובן פּלאַץ דעם אייראָפּעאישן ייִד אין דער קולטור־וועלט ; דערזעענדיק זייערע בילדער און סקולפּטורן איז ער שטאָלץ אויף זיין פּרצוף־פּנים און אויף דעם שורש פון וווּ ער קומט.

און אין די לעצטע 25 יאָר אין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז עס נישט געווען דער עיקר אונזער מאָדערנע שאַפן, וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן דאָרטן אונזער פאָלק אין אַן אייגענער גייסטיקער מחנה ?

עס איז דער אויסדרוק, די שעפערישע התגלות, וואָס גיט דעם אויסדויער פאַר ווייטערער עקזיסטענץ ! דער שעפערישער דויער פון יעדן נייעם און פאַרטיפטן שטריך, ברענגט צו שלימות דעם צלם אלוקים. וואָרים ערשט מיט זיין עכטע געפאָרעמטע קונסט באַקומט אַ פאָלק ערשט אַ פנים אין דער וועלט.



מ י י ס ק י  פון יעקב עפשטיין





פּראָפעסאָר מ י כ אָ ע ל ס  פון שרה לעבעדעוואַ

משה עובד

## דער ווייגעשריי פון די נקודות

אויף יעדן אות הענגט היינט דער טראָפּ
און טרויערט ווי אַן אבל,
ווי די האַרפּע אויף דער ווערבעס קאָפּ
ביי די טייכן פון בבל.

דער נחתדיקער קלאַנג פון קמץ אלף אָה!
וואָס פון דער קמץ־נעסט
האָט אַמאָל אַרויסגעזונגען,
און די הרי־יהודה האָבן מיט אַ תענוג אַזאַ,
ווי ליגנען פון שטאָל אויסגעקלינגען.

די קמץ גלעקלעך, די ענטציקטע,
וואָס מיט זיי האָט זיך דבורה איר האַלז געקראַנצט,
ווען זי פון נביאות אַ פאַרציקטע,
אַזוי זיגרייך זי האָט געטאַנצט.

קוק אָן די קמצן ווי זיי זעען אויס היינט,
ווי מרה־שחורהדיקע אויגן און ברעמען פאַרוויינט,
אויגן,
וואָס האָבן שרעק און טרויער פון האַרץ געזויגן.

זע ווי ס׳טריפט אַרויס צער פון דער יללות־נעסט,
פון קמץ־אַלף אָ,
ווי דער גלות־פּעסט,
פאַרפּלייצט ער, יעדער רגע פון יעדער שעה.

קוק זיך צו צום יאָך,
הער זיך צו צום בראָך,
צום צער פון דער ציירײ,
צו איר ווײ־געשרײ.
די דאָפּלטע ברוסט וואָס האָט געשפּייזט אַמאָל,
דאָס וואָרט מיטן „עי" פון פריידן,
ווי עס איז דאָס פון איר געוואָרן,
אַ דאָפּלטע טאָל
פון ווײ און ליידן.



ווי די באַטריבטע אויגן פון לאהן
איז די ציירײ פול מיט וויען און געשרייען.

און איצט באַטראַכט דעם חולם,
ער האָט אַמאָל געפלאַטערט איבערן אות
ווי אַ טערקעלטויב,
אויף דער קרישטאָלענער שויב
פון אַ מאַרמאָר־שלאָס,
און געוואָרקעט אָה! אָה! אָה!
אָט דער חולם
האָט געלעבערט ווי אַ פייל
דאָס האַרץ פון כדור העולם,
פאַרוואונדעט מיט זיין אוי! אוי!
דעם שם, דעם אַ—דו—ני . . . .

## די כ און ח באלאדע

מיין טאַטע ר׳ יחיאל שו״ב וש״ץ, *
האָט פאַרמאָגט אַ צער־בעל־החיימדיק האַרץ;
נישט געטשעפּעט נישט קיין פליג, נישט קיין קאַץ,
נישט קיין עקדעש, נישט קיין פּיפּערנאָטער,
נישט קיין ווידזעלטיר, נישט קיין קאָטער;
ער האָט געלעבט בשלום מיט חיות, חזרים און שרצים,
נישט געשלאָגן די גוישע קצבים, נישט געמימוטשעט די שקצים!
ער האָט אָבער געהאַט אַ הכשר פון בורא,
אין דער טיפער קעשענע פון זיין געוויסן,
געשריבן און געחתמעט ביי דער תורה
(און שוין אַ שיין ביסעל צוריסן),
צו גיין קעגן פי און רינדער אין שלאַכט,
קעגן געבונדענע אָקסן, בהמות, קעלבער און שעפּסן,
פאַר אָרימע צו שפּייזן,
פאַר גבירים צו גרעבסן.
און ער האָט טאַקי טאָג און נאַכט
אַ גאַנצע וואָך העלזער געשניטן,
עס האָבן ווי רויטע ימים געריגען די בליטן,

* ראשי תיבות פון שוחט ובודק ושליח ציבור.

די ציגעל פון שעכטהויז רויט
האָבן זיך אַזש ווי ציגנען באַלעקט,
אַזוי גוט האָט זיי דער טויט,
על־פּי־דין פֿאַרגאָסענעם בלוט געשמעקט.

און יעדן ערב שבת,
בשעת מאַמע האָט געקנעטן טייג פֿאַר חלות,
און ליבלעך די חלות העלוזלעך געפֿלאָכטן,
און בשעת דער טאַטע איז געשטאַנען אין הויף פֿון דלות,
העליזלעך פֿון עופֿות געפּליקט און געשאָכטן,
האָב איך דאָן דעם טאַטענס פֿאַרבלוטיקטע שטיוועל געפּיצט,
און מיט פֿייערדיקע קללות זיך סכנותדיק צוהיצט,
געשאָלטן זיך, דאָס שחיטות, דאָס שעבֿדות, די נויט,
געווונטשן די ב״בים אַ כאָלערעוואָטן טויט.

איינמאָל האָט דער טאַטע אַ קאַטשקעס האַלז איבערגעשניטן,
זי אַרויסגעשליידערט אין הויף, אין סאַמע מיטן,
עס האָט שוין געהאַלטן ביי נעילה פֿון איר וועלט,
האָט זי זיך בליציק אויפֿגעשטעלט,
אַריינגעפֿליגן גיך,
צו דער מאַמע אין קיך,
און אויף דעם שויס פֿון אָפֿענעם קרבן מנחה סידור,
אַוועקגעלייגט איר קאָפּ, ווי אָפּן מזבח אַ ווידער,
און גסיסהדיק געכאָרכעלט צו גאָט.
און ווער עס האָט געהערט, דער האָט פֿאַרשטאַנען,
דאָס די קאַטשקעס נשמה איז דאָן אויסגעגאַנגען
מיטן „אחחחד״ !

יענער טאָג איז שוין געוואָרן פֿון צייט פֿאַרצערט,
ס'האָט שוין אַ ווילדער יובֿל פֿאַרבלוטיקט די יאָרן,
איבערגעלאָזט אויף דעם פּנים פֿון דער ערד,
זיינע שענדלעכע אומאויסוואַשבאַרע שפּורן.
דאָך יעדעס מאָל איך באַגעגן אַ כ אָדער ח,
אויף די וועגן און שטעגן פֿון אונדזערע ביידע לשונות;
יעדעס מאָל איך כאָרכל „איך״, „זיך״, „דיך״ :
איך הער לאָכן „כאַ־כאַ־סאַ״ —
„חבלי לידה של משיח״ !
דערוועקט עס אין מיר די גסיסה־זכרונות,



איך הער די קאַטשקעס כאָרכלדיקן רוף,
פֿון איר האַלז אויפֿגעשניטן ווי אַ כ,
איך זע זי בלוטן אויפֿן מזבח פֿון דער ח,
האין בית אשר אין שם מת.

## די שמחה מיט דער ה

ווען עס שווינדלט שוין פֿאַר די אויגן די א,
ווי אַ געקרייצטער חלף,
און ס'בלאָזן שוין אַלע בייזע ווינטן אין דער ב אַריין,
אַזש די ג קען ניט אַרומגיין,
און די ד קען ניט איינשטיין.

ווען די ו ווערט שוין ווי די ז,
אַ פּראָפֿנציער פֿאַר שכורע גויים,
און ס'ברעכט די ח
האַלז און נאַקן ווי ט.

און דאָס י'לע פֿילט זיך נעבעך ענג געקוועלט,
שילט דעם טאָג ער איז געוואָרן אויסגעווילט,
אויסערוועלט צו זיין פֿון אלף־בית דער באַלעבאָס,
„וואָס קאָן נאָך זיין ערגער ווי דאָס ?״

ווען כ האָט שוין צו כאָרכלען ניט מער קיין כוח,
אַזוי פּוסט איז בויך און מוח
און ל ווי אַ קעמעל אין מדבר פֿאַרלוירן,
הימל־אויוון ברענט, האָפֿנונג—פֿאַרפֿרוירן.

ווען ס'האַלט אין איין פֿרעגן דאָס מ'לע :
מה ! מה ! וואָס וויל מע'האָבן פֿון לעמעלע ?
און ס'וואַנדערט נע ונד נ מיט לאַנגע ן,
אָן באַגער, אָן תכלית, אָן זין.

ווען ס איז שוין אַ פּולער בעכער,
פֿול מיט טרערן, פֿול מיט לעכער,
און די ע, קוק ! איז בלינד און שלאָקערירעוודיק,
און דער פ אַ ביין אין האַלז שטיקט.
ווען צ וואַרפֿט זיך ווי אַ שלאַנג !

„עד מתי, ווי לאַנג, ווי לאַנג ?"
און דער לאַנג בערדיקער, הונדערט־יעריקער זקן, די ק,
זיצט דערנעבן און זיפצט אַזוי טיף.

ווען רבי ר' ר רייצט זיך מיט זיך אַליין נאָך,
אויף אייגענעם בייג און בראָך
און די ש, די קרוין, די דריי רעריגע
שטייט אַן אויסגעלאָשענע, אַ שטילע, אַ טרויעריקע.

ווען ס'הינקט שוין אונטער מיט אַ באַנדאַזשירט פיסל די ת,
גייט שוין פרעגן אַ שאלה אויף אייגען לייב און לעבן צום רב.
און ס'האַלט שוין כלה כל הקצין, אָט! אָט!
אַ סוף צום ניצוץ . . . צום אות, צום וואָרט און צום געבאָט.

ס'שיטען שוין אַרום די בעטן די נקודות,
זאָגן שוין מיט די אָטעמלאָזע ווידות,
און די פתחלעך קלאָגן און די פינטעלעך טרערן,
דאָס גאָט קען שוין ניט! קען שוין ניט!
ניט צוזען און ניט צוהערן.

שטעלט ער אַוועק אַ מופת־שטעקעלע אונטער אַ ד און ס'ווערט אַ ה,
אַ מופת־שטעקעלע, אַ געשיקט אידעלע, געשיקט פו גאָט,
און כהרף־עין אָפּן אָרט,
ווערט דער גאַנצער אלף־בית דורך דער ה,
אויסגעהיילט, אויסגעליזט און אָטעמט פריי.

ווערט פון דער דערשטיקטער ערד אַ הימל אויפסניי,
לייכטער פון פוך, ווערט דאָס געבאָט פון בליי,
ס'טאַנצן די אותיות אַרום דער ה,
מיט אַלע קינדערשע נקודות,
שפרינגען מלאכים רקודות,
און די ה אַליין טאַנצט מיט מיט זיי.

די שמחה איז גרויס!
עצבות — אויס!
דעם אלף־בית האָט דער ייד באַפרייט,
יעדער אות —
אַ מופת־כוס
פאַר משיח בן דוד, אַ ליד איז גרייט.



הרב דוב ווארשאווסקי

## „דיין קבר איז מיין קבר"

(רעפלעקסן)

„...און גאָט האָט אויפגעהויבן דעם באַרג און געזאָגט, ווען איר נעמען די תורה איז גוט, ווען ניט וועט איר פאַרשאָטן ווערן אונטערן באַרג..."

ערשט נעכטן, אונטערן איינדרוק פון עקסטאַז און באַגייסטערונג, האָבן יידן געשריגן „נעשה ונשמע!" און היינט, מוז מען שוין האָבן אַ באַרג איבער די קעפּ; אַ באַרג, וועלכער זאָל צווינגען און דראָען, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן ביי זייערע פאַרשפרעכונגען, אַז ניט, געדיינקט מען ניט.

מיר געדיינקען ניט, מיר פאַרגעסן. אין דעם ליגט די סיבה פון דער טראַגעדיע פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט. מיר האַלטן אין איין שרייען בקולי קולות: „נעשה ונשמע!" מיר האַלטן אין איין חזרן אָבער און ווידער: תורה, קולטור, קונסט א.אז.וו. מיר רעדן זיך איין, אַז מיר פּראָגרעסירן, אַז מיר שאַפן, אַז מיר גייען פאָרויס; אָבער אין דער אמתן שטייען מיר אויף אַן אָרט, מיר טאָפּטשען אין דער זעלבער בלאָטע און רעגרעסירן. מיר שטייען נאָך אַלץ אונטערן באַרג (ניט אויפן באַרג....) און מיר האַלטן נאָך אַלץ פאַר קבלת התורה . . .

ניט נאָר זיינען מיר ווייט, זער ווייט פון „פאָזיטיוו", פון דעם „ואהבת לרעך" (ניט פאַר אונזערע כחות . . .), נאָר מיר קענען אפילו ניט צו קומען צו דעם „נעגאַטיוו" (וואָס איז פיל גרינגער), צו דעם וואָס הלל הזקן זאָגט: „טו ניט יענעם וואָס דו האָסט פיינט!" מיר דערמאָנען זיך אַן לעצטן כלל, ווען דער באַרג דריקט צו שטאַרק, דאַן שאַפט זיך דער באַגריף: „אח לצרה", אַ ברודער צו ליידן . . . אָדער ווי דאָס ווערטל זאָגט: „יאַק בידאַ טאָ דאָ זשיחאָ" . . . אָבער ווי נאָר דער באַרג לאָזט נאָך זיין וואָג, דאַן איז אויס „צרה" און אויס „ברודער" . . .

ניט נאָר ליבן מיר ניט, מיר קענען אפילו ניט האַסן. וואָלטן מענטשן באמת געליבט (גוטס) וואָלטן זיי אויך געקענט האַסן (שלעכטס). דער וואָס קען ניט ליבן, דער קען ניט האַסן. און פאַרקערט ווידער, דער וואָס האָסט שטאַרק דער פאַרמאָגט אַ האַרץ מיט ליבע. מענטשן פאַרגעסן שנעל און מ'הויבט אָן צוריק פון אַלף. די זעלבע מעשיות און די זעלבע צרות.

פאַרמאָגט די מענשהייט חכמה? — געוויס! (חכמה בגוים — תאמין), אָבער איין זאַך פעלט דער מענטשהייט — תורה (תורה בגוים אל תאמין). ווייזט אויס, אַז תורה איז העכער און וויכטיגער ווי חכמה. דאָס איז אַזאַ מין אַטריבוט, פאַר וועלכעס מען גייט אויף שייטערהויפענס; פאַר וועלכעס מען גייט אין פייער און וואַסער און מען שטאַרבט אַלס קדושים און העלדען... תורה איז דער „לא תרצח", דער „לא תגנוב", דער „לא תענה", וועלכע עשו און

אדום האָבן ניט ליב און אויסגעמעקט פון זייער קולטור־באַגאַזש. די תורה־קולטור קען מען ניט אָפּטרן בלויז מיט זאָגן, מיט שרייען נעשה ונשמע. עס פאָדערט זיך פיל אָנשטרענגונגען און אָנגעהייערע אַרבעט; עס איז אַ גרויסער און שווערער באַרג, וואָס דריקט שטאַרק אויף די פּלייצעס און צו דעם זיינען ניטאָ קיין סאַך בעלנים.

און דעריבער רעדן מענטשן אַזוי לאַנג איבער שלום ביז ס׳ברעכט אויס אַ מלחמה; און דעריבער פילאָזאָפירן מענטשן איבער הומאַניזם אַזוי לאַנג ביז זיי פאַרוואַנדלען זיך אין קינדער־רוצחים . . . און אויב דאָס קולטורעלע דייטשע פאָלק האָט געקענט אַראָפּפאַלן צו דער מדרגה פון וואַנדאַלן, און מערדער, איז דאָס ניט נאָר זייער שולד, עס איז אויך די שולד פון דער גאַנצער מענטשהייט, וועלכע האָט פילאָזאָפירט איבער „רעלאַטיוויטעט“, און פאַרגעסן אָן דעם פשוטן „לא תרצח“....

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן אָפן: אַז דער ערגסטער „דזשודאַס“ (יהודה איש קריות, וועלכער האָט פאַרקויפט יעזוסן פאַר 30 טאַלער . . .), מיט וועמען די קריסטליכע וועלט וואַרפט אונז יקהן פאַר, איז נאָך געשטאַנען פיל העכער אין כאַראַקטער און אין געוויסן פון היינטיקע אַזוי גערופענע הומאַניסטן און אַדעל־לייט. יענער יהודה האָט כאָטש באַלד איינגעזען די עוולה וואָס ער איז באַגאַנגען, ער האָט צוריק געוואָרפן די 30 טאַלער און איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד (וואָס פאַראַ כאַראַקטער! וואָס פאַראַ געוויסן!...). אָבער די זעלבע אונזערע מוסר־זאָגער באַגייען, באַהאַלטענע און אָפענע, דירעקטע און אומדירעקטע, מערדערייען און שחיטות אויף מיליאָנען מענטשן און גאָר ניט. זייער געוויסן גיט אפילו ניט קיין צאַפּל, און זיי גייען נאָך אָן אַלס הומאַניסטן און שיינע מענטשן.

אָבער פון דער צווייטער זייט זעען מיר אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג, אַז די מוטער פון דוד המלך (פאָטער פון משיח, משיח בן דוד...) איז געווען אַ ניט־אידישע טאָכטער—רות. דאָס ציינט אונז, אַז מיר ייִדן קענען ניט אויפ־בינדן אַלע קניפּן מיט די אומות העולם.

אלימלך, דער גרויסער יידישער גביר און פיהרער, אַנטלויפט פון זיין לאַנד, און לאָזט איבער זיינע ברידער אין אַן עת צרה, צו שטאַרבן פון הונגער; דער אלימלך האָט ניט זוכה געווען, אַז פון זיינע קינדער זאָל אַרויסקומען דער פאָטער פון משיח; פון אַזעלכע פירער קען קיין ישועה ניט קומען. גראַד די ווייטע און די פרעמדע רות, וועלכע וויל ניט פאַרלאָזן דער אָרעמער יידישער פרוי, נעמי, און זאָגט צו איר: „דיין גאָט איז מיין גאָט, דיין פאָלק איז מיין פאָלק, ווו דו וועסט גיין וועל איך גיין; דיין קבר וועט זיין מיין קבר, נאָר דער טויט וועט אונז צעשיידן!“ — זי, רות, און דער באַשיידענער ייד בועז (הגם רייך, דאָך איז ער גליך מיט זיינע אַרבעטער, עסט מיט זיי צוזאַמען, אַרבעט און שלאָפט אַליין אין פעלד א.אז.וו.), זיי האָבן זוכה געווען צו אויפ־שטעלן דאָס מלכות בית דוד; פון אַזעלכע קען אַרויסקומען משיח . . . און ניט



אומזיסט לייענען מיר די דאָזיקע פאָעטישע דערציילונג „רות“ אין שבועות פון קבלת התורה, ווייל דאָס איז דער עיקר תורה. אויב מענטשן האָבן טענות, עס געפעלט זיי ניט, מיינט דאָס ניט צו זאָגן, אַז די תורה, אָדער די קולטור, צי די קונסט טויג ניט. ניין, די מענטשן, די אַרויסגעבער, די אויספירער פון דער אידעע טויגן ניט . . . די שענסטע און ערהאַבנסטע אידעען ווערן אויסגעביטן אויף „קליין־געלד“ . . .

אַלע שטרעבן מיר צו איין ציל. אפילו דער ניט גלויביקער גלויבט אויך אין „עולם הבא“. חלומט ער ניט פון אַ נייער קומענדיקער וועלט? „די אַלטע וועלט איז טויט, די נייע, די „קומענדיקע וועלט“ (עולם הבא) וועט זיין בעסער“. פאַרוואָס קומט זי ניט? ווייל ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל פאַרוואַרפן דעם אַנקער. די וועלט איז אַ שיף אין אַ שטורמדיקן ים, אַלע ווילן איר צופירן צום ברעג, אָבער עס איז ניטאָ ווער ס׳זאָל דעם קנופּ מאַכן. קיינער וויל ניט שפרינגען אין ים. . . .

---

אָבער צי מיר ווילן יאָ, צי ניט, דעם קאַפּיטעל רות מוזן מיר אַלע לערנען. כל זמן די יידישע ווי די ניט־יידישע טעכטער און זין וועלן ניט זאָגן: „דיין גאָט איז מיין גאָט, דיין פאָלק איז מיין פאָלק, דיין קבר איז מיין קבר, נאָר דער טויט וועט אונז צעשיידן!“ און ניט נאָר זאָגן בלויז, נאָר אויך באַווייזן דאָס אין מעשים, ווי רות, וועלכע האָט פאַרלאָזט איר קעניגליכער היים און האָט געקליבן זאַנגען אין די פעלדער כדי צו שפייזן דער אָרעמער נעמי׳ן און זיך—[צום ביישפיל, אויב יידישע כלל־טוער האַלטן, אַז יידן מוזן דורכאויס דינען צוזאַמען מיט פוילישע אַנטיסעמיטן, טאָ זאָלן זיי, די כלל־טוער צום ערשט אַליין אָנטון דעם פוילישן מונדיר! פאַרוואָס זאָלן עפּעס די עלנדע יידישע יונגעלייט טראָגן די בראַנד און די כלל־טוער—שניידן די פּרוכט!..] כל זמן דאָס וועט ניט געשען—וועט דער באַרג ניט אויפהערן צו דריקן און שטיקן אַלעמען אָן אויסנאַם, ביז דאָס לעבן און חיות וועט אויסגיין, אין דעם פאַל וועלן אונז ניט ראַטעווען ניט „פאַלעסטיין“ און ניט די שטיינערנע טעמפלען פון רוים . . . . אויף דעם דאַרף מען ניט זיין קיין „נביא“, כדי צו טרעפן, אַז ס׳וועט זיין נאָך אַ מלחמה, און נאָך אַ מלחמה, אודאי, עס איז אַ נאַטירלעכער און לאָגישער געזעץ, דאָס פייער ברענט דאָרט ווו ס׳איז דאָ ברען־שטאָף....

איידער מען פאַרזייט מוז מען צום ערשט גוט באַאַרבעטן די ערד, אויס־רייסן די שלעכטע גראָז, אַז ניט וועט דאָס שלעכטע איבערוועלטיקן דאָס גוטע, און די אַרבעט גייט צו גרונד. און דאָס איז דער כלל: „ובערת הרע מקרבך“! אין געגנטייל וועט מ ש י ח צי די ג א ו ל ה ניט קומען דורך ליבע, ניט דורך שמחה, נאָר דורך יסורים און טרערן, דורך דעם „כפה עליהם הר כגיגית!“



שפּילנדיק באַך—פון סימיאָן סאָלאָמאָן



## סימיאַן סאלאמאן — 1905—1840

סימיאָן סאָלאָמאָן שטעלט מיט זיך פאָר אַ טראַגישן ביישפּיל פון אַן אויס־געצייכנטן קינסטלער און וואויל־געבוירענעם מענטשן, וואָס האָט פאַרלוירן זיין גייסטיקע ירושה דורך דעגענעראַציע.

אין סאָלאָמאָן דזש. סאָלאָמאָנס ביאָגראַפיע — געשריבן פון דער זעלביקער אויטאָרין ווי דאָס דאָזיקע אַרטיקל — געפינט זיך אַ מערקווירדיקער עפּיזאָד. וואָס גיט אונז אַ שאַרף־קלאָרן קאָנטראַסט צווישן סימיאָן און סאָלאָמאָן. לאָרד סוויטלינג האָט געגרן געוואָלט, אַז סאָלאָמאָן דזש. סאָלאָמאָן זאָל מאָלן זיין פּאָרטרעט און, מעשה צופאַל, איז ער גאָר געקומען צו סימיאָן סאָלאָמאָנען אין סטודיאָ. אַרויפקלעטערנדיק אַ גאַנצע ריי קרומע שטיגן, האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ פאַרשוין, וואָס זיין לעבנסשטייגער איז געווען גאַנץ אַנדערש, ווי דעם׳ס וועמען ער האָט געזוכט.

אַט דער דאָזיקער אינצידענט האָט באַוויגן לאָרד סוויטלינג איבערצו־רעדן סאָלאָמאָן סאָלאָמאָן, ווי ער האָט זיך דעמלט גערופן, צו ענדערן זיין נאָמען אויף סאָלאָמאָן דזש. סאָלאָמאָן — זיין פאָטער האָט געהייסן דזשאָזעף — כדי אויסצומיידן מען זאָל אים אויסמישן מיט סימיאָנען.

דאָך איז דאָס אַלץ נישט געווען קיין מכשול פאַר דעם נעבעכדיקן סימיאָן צו געהערן צו דער באַרימטער גרופּע קינסטלער, וועלכע זענען געווען אַזוי פול מיט האָפענונג—די פּראַ־ראַפאַעליטן. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון בוירן־דזשאָנס און ראָזעטיס קרייזן, וואו עס האָבן אויך פאַרקערט די ליטעראַטן סווינבוירן און פּעיטער.

אין אָנהויב האָט ער זיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיט יידיש־ביבלישע בילדער, ווי רות און די אילוסטראַציעס צו שיר־השירים. דערנאָך איז ער אַרי־בערגעגאַנגען צו קלאַסישע טעמעס, וועלכע זיין הויכגעשטעלטע פיינסטע גע־זעלשאַפט האָט זער באַוואונדערט.

צום באַדויערן האָט ער געמוזט פאַרברענגען די לעצטע דרייסיק יאָר פון זיין לעבן אין אַן אַנשטאַלט פאַר אָרימע לייט — אַן אָרט מושב־זקנים — וואו ער איז אויך געשטאָרבן אין 1905. דער דאָזיקער אַנגעזעענער זשעני האָט, נעבעך געמוזט בעטלען אויף ברויט און שטאַרבן עלענט און איינזאַם.

זיין פאָטער, מייקעל סאָלאָמאָן, איז געווען אַ פאַבריקאַנט פון שטרויענע היט, אַן אָנגעזעענער ביזנעסמאַן אין דער סיטי און אַ בכבודער מיטגליד פון דער ענגליש־יידישער קהילה.

אויך זיין ברודער איבערעהעם און זיין שוועסטער רעבעקאַ זענען געווען קינסטלער. ווען אייבערעהעם איז שוין געלעגן אויפן טויטנבעט איז אים אַנגע־

קומען די ידיעה, אַז ער איז דערווײַלט געוואָרן אַלס חבר אין דער קעניגלעכער אַקאַדעמיע.

ביים היינטיקן טאָג זענען סימיאָנס ברידערס און שוועסטערס קינדער זער אָנגעזעענע אין דער ענגליש־יידישער געזעלשאַפט.

ווער עס וויל זיך נעענטער באַקענען מיט סימיאָן סאָלאָמאָנס טראַגעדיע זאָל לייענען „פייף יערס דעד”—(פינף יאָר טויט)—פון בערנאַרד פאַלק.

א. נ. שטענצל

## דער פיילנבויגן

(דאס מאמע־ליד פון די געטא־העלדן)

„והיה בעננֵי ענן על הארץ
ונראתה הקשת בענן”

נישט פערמאַך דיינע אייגעלעך מיין קינד,
נאָך אַ רגע וואַרט אויס, נאָך אַ מינוט,
און נישט דיין טויט כ׳וועל טראָגן אויף די הענט —
ווערסט זיין אַ פאָן געטונקן אין מיין בלוט!

ניין, נישט פאַרשמאַכטן דו ווערסט ביי מיין ברוסט —
מיט אונז אַ העלד ווערסטו דו פאַלן צוזאַם!
אַ, אַז דאָ מיר שטייען איצט נאָך אין קאַמף,
קאָן מען דאָך נישט אויסראָטן אונזער שטאַם — — —

יאָ, צו אַ פאַס צעשאָטן אין דער זון
איז געגליכן אונזער לעבן אַצינד,
פון רייפן אָבער, אויסגעטרוקנטן,
אַ פיילנבויגן מאַך איך דיר, מיין קינד.

מיין גאַנץ לעבן פעסט געשפאַנט איבער אים,
פאַר דיינע הענטעלעך צום לעצטן שפּיל!
אין אויף הימל וועט ער הענגען בלייבן,
ווען לעצטער פייל אָפגעשאָסן צום ציל.

נישט ווי ווערעם קאָן מען אונז צעטרעטן,
און נישט מאַכן קאָן מען פון אונז קיין תל —
זעסט פון אונזער דאַמפנדיק בלוט גייט אויף,
אַ פיילנבויגן געטראָטן צום שנעל — — —



הערסט ווי עס דונערן די האַרמאַטן?
און ווי עס שיטן זיך די באָמבעס, הערסט?
נישט פאַרמאַך דיינע אייגעלעך, מיין קינד,
איידער צוזאַם מיט אונז נקמה דו שווערסט!

אַ, אַז אַזעלכע פאַרשמאַכטע ליפּעלעך
אַ נקמה־קללה זיי שטאַמלען נאָך אויס,
מוז זי דאָך היילִיק מקוים ווערן
אין איר גרויליק־גאַנצער מוראדיקער גרויס —

— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

נישט פאַרמאַך דיינע אייגעלעך, מיין קינד,
נאָך איין רגע האַלט אויס, נאָך איין מינוט,
און דו ווערסט זען דעם געשפאַנטן בויגן,
ליכטיק אויפגעגעפלט פון אונזער בלוט.

## ל״ג־בעומר־פליטערלעך

אַז מיר זיינען אויף די פעלדער געגאַנגען,
מיט בייגל, מיט אייער און מיט פיילנבויגן,
מיט די פאַסטוכער מלחמות צו פירן,
און סעודות צו פראַוועט אויף די ערשטע היי־סטויגן,

איז עס דאָך געווען בר־כוכבאן דעם גבור
מיט אונזערע פיילנבויגנס צו דערמאָנען,
און מיט אונזערע סעודות אויף די פעלדער
האָבן מיר מסתמא דעם זכר פאַרשטאַנען:

פון די מערות אַרויס די העלדן דעמלט
האָבן דאָך אונז קינדער געטון אַרויסשיקן,
פייגל־אייער צו זוכן און צו ברענגען
צו וויקטערן קאַמף די הערצער זיי צו קוויקן. —

וואָרים אַז חרוב די שטאָט, פאַרברענט דאָס דאָרף,
פון וווּ עסנוואַרג פאַר די קעמפער צו קריגן?
און כוח מוז מען האָבן — צומאָל אַפילו,
מיט אייגענעם טויט דעם שונא צו באַזיגן!

אָבער וואָס זיינען די פּליטערלעך געווען?
נאָך פלאַטערן זיי מיר אַצינד פאַר די אויגן!
ווי די פּראָפּעלערס אין די מיילער געשטעקט
און ווילד איבער די געסלעך געפלויגן.

אָבער וואָס זיינען די פּליטערלעך געווען?
נאָך פלאַטערן זיי מיר אַצינד אין די אויערן!
הימלען צעפּוישטע מיט טויזנטער פליגל
וועקנדיק פרייד מיטן אין אונזער טרויערן —
— — — — — — — — — — — — — — — —

יאָ, זיי זיינען עס זיכער שוין געווען
אין אונזערע שטעטלעך דער הייליקער צייכן,
אַז פאַר אונזער בלוט נקמה צו נעמען,
אַזעלכע מחבלים פון הימלישע הייכן.

וועלן אָנפליען איבער די רוצחים׳ס קעפּ — — —
און פאַר שרעק די ערד וועט זיך שפּאַלטן!
אונזערע ל״ג־בעומר־פּליטערלעך, טאַקע,
וועלן זיי אַלץ סימן אין די מיילער האַלטן.

## שמואל זיגלבוים

(צו זיין ערשטער יאָרצייט)

יאָ, פּונקט ווי פון זייער קאַמף און קראַמף געשריי
ער איז דאָ געווען זייער ווידערקול,
אַזוי איז ער געוואָרן איינער פון זיי,
ווען ער איז געפאַלן אונטער זיין עול —

עס האָט צוזאַמענגעבראָכן זיין לעבן,
מיט זייער לעצטן גסיסה־געשריי,
אונטער זייער פינסטערער וואַנט צו ליגן
אַ געפאַלענער צוזאַמען מיט זיי — — —

און דאָס ביסל אַש געלאָזן דאָ נאָך זיך,
אַז מיט אונזערע אויגן נאָך מ׳זאָל זען,
ווי דאָס אויפלאַמען זייערס צום לעצטן קאַמף,
ווי ברענענדיק און ווי עכט ס׳איז געווען.



## „לא תרצח"

מיט טויזנט מעסערס איינער אויף צוויטן,
אויף מענטשלעכן האלדז געשליפן זיך שאַרף,
בלוטיק אַרויסצושניידן פון הערצער
ווערטער וואָס מען־טאָר־נישט און מ׳האָרף —

גרויליק פאַרבלוטיקטער כאָרבל געהילך
פאַרשטיינערט אין גסיסה, און אויסגיי;
ציינער־געקריץ צעבלאָסקן פאַרביסן,
אויסצוקריצן דעם „לא תרצח"־געשריי.

אָ, אָבער ערשט די קופּע הרוגים
איז דער סיני־באַרג אין הימל אַריין,
ציטערנדיק, שטייענדיק אַרום אים,
די אויסגעקריצטע ווערטער צו פאַרשטיין.

## א תיקון ליל שבועות באלאדע

האָט ווער אייַנגעפּאַקט די פּערל אין פּעקל,
און ווער דאָס תיקונדל פון ספרים־שאַנק אַרויס:
עפּעס וואָס מוז דאָך אַ מענטש מיט זיך מיטנעמען,
אַז לוינען ס׳זאָל צו לעבן כאָטש איין טאָג נאָר בלויז.

פאַר צידה לדרך מיט צו נעמען,
דאָס תיקונדל ס׳איז דאָך ווי געמאַכט דערויף —
אויף פּיצינקסטן פּלאַץ דו קאָנסט עס באַהאַלטן,
און טראָגסט עס מיט דיר אויף דער תליה מיט אַרויף.

יאָ, יענער מיט זיין מיטגענומען שנירל פּערל
ער האָט זיך אַ מעשה אָנגעטאָן אַליין — — —
און ביי זיין תיקונדל זעצט זיך דער אַנידער,
ווען גאָט אַליין שוין ער קאָן אויך נישט מער פאַרשטיין!

שעפּטשן זיינע ליפּן די שטיקלעך פון אָנהייב
און דעם סוף טראַכטן זיינע געדאַנקן צו;
און יעטוועדער רגע גרייט איז ער אויף אַלצדינג,
וואָרים ס׳איז נישט דער טויט — ס׳איז דאָך די אייביקע רו:

אַ פּנים אויף דערויף געווען איז די ברכה,
מ׳זאָל ווי שטערן זיין און ווי דער זאַמד ביים ברעג —
אַז וויפיל זיי זאָלן נישט אויסהרגענען אונז
און ס׳נעמט נאָך אַלץ נישט צום קוילענען קיין עק.

יאָ, שוין ביי דער מאַמע רבקהן אונטערן האַרץ,
עשו נישט אַפּלאָזן געוואָלט יעקבס פּערשט —
אַז אונטער יעדן טראָט ס׳שטייט אַ שומר דער טויט
די סודות פון לעבן פאַרשטייט מען דעמלט ערשט — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

שעפּטשן זיינע ליפּן די שטיקלעך פון אָנהייב
און דעם סוף טראַכטן זיינע געדאַנקען צו,
אַז גאָט אַליין שטעלט זיך אים אונטערן רוקן,
אַ תיקון צו האָבן פאַר זיין צעשטערטער רו —
— — — — — — — — — — — — — — — —

## ווען דער הימל עפענט זיך . . .

די גאַסן ווי מיט צווייגן אַרומגעשטעקטע
און אויסגעשיט מיט גרינס ס׳איז פאַר יעדן הויז,
אַ „רייועלע" קלעפּט זון־פאַרגיי אין די פענסטער,
דער גאַנצער אַרום זעט שבועותדיק אויס —

דער הימל אַזוי טיף, אָט עפנט ער זיך אויף,
אַלע ש״י־עולמות אין אים איצט צו זען!
אין אַזאַ נאַכט, אויף ווינטלעך אַנציעדיקע,
דאָס וווּנדערלעכסטע קאָן דאָך אין איר געשען.

אָ, דאָס געפינקל פון די מיליאָנען שטערן,
וואָס קאָן מען נישט אַלץ אַרויסלייענען פון זיי:
אַז אַלצדינג וואָס אויף דער וועלט עס געשעט אַצינד,
עס איז דאָך נאָר אַז דער מענטש ווערן זאָל פריי!

נאָר דער יאַסמין, דער צעשמעקטער, דער צעשטויבטער,
מיט זיין שאַרפן ריח־געררוך און מיט זיין ווייס,
אין מתים־הרוגים אָן אויפהער דערמאָנט ער
און עס באַגיסט מיך מיט אַזאַ טויטן־שווייס —
— — — — — — — — — — — — — — — —



„אַז דער הימל אפילו זאָל זיך טון אַן עפן",
וועקן מיינע שוקדערודיקע ליפּן מיך אויף,
„באמת, כ׳וועל דעם קאָפּ נישט אויפרייסן צומאָל
צו געבן כאַטש אַ קוק בלויז אויבן אַרויף.

„מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס ס׳קאָן שוין זיין אינדערהייך דאָרטן!
און וואָס קאָן עס האָבן פאַר אַ גרויסן ווערט?
אַז הילף פון אויבן ס׳איז נאָך אַלץ נישט געקומען,
צו דעם וואָס ס׳געשעט אַצינד אויף אונזער ערד.

„אויב דער הימל זאָל זיך טאַקע טון אַן עפן,
און פאַראַן אויבן ס׳איז באמת אַ גאָט,
זאָל ער דאָך בעסער אַראָפּקוקן צו אונז דאָ
און באַווייזן זיין רחמנות, אויב ער האָט — — —"

י. ח. קלינגער

## אַ פּאַריזער נאַכט

דעם פראַגמענט פון אַ „פּאַריזער נאַכט", געווידמעט
דעם חרוב געוואָרענעם יידישן ישוב אין פראַנקרייך.

### מאנפארנאס

. . . זיינען זיך געשטאַנען, אין פאָרם פון אַ דרייעק צו מאַכן, די „ראָטאָנדע" און קעגנאיבער, אויפן אַנדערן טראָטואַר, דער „דאָם" און די „קופּאָל".

אַלעמען, אין דער טוריסטן וועלט, זיינען געווען באַקאַנט די נעמען פון די דריי קאַפע־הייזער וואָס האָבן זיך געפונען אויפן בולוואַר מאָנפּאַרנאַס, אין פּאַריז.

פאַר סנאָבן און טוריסטן, וואָס פלעגן צו קומען אַ הוליע טון אין גאַנץ פראַנקרייך, איז דאָס אָפּלייגן אַ וויזיט אין די דריי דערמאָנטע קאַפע־הייזער געווען פאַררעכנט פאַר, כמעט, די ערשטע מצווה. אַז געקומען אין פּאַריז, איז דער ערשטער וועג עולה־רגל זיין צום מאָנפּאַרנאַס. וואָס איז די היים פאַר כלערליי קינסטלער, מאָלער, דיכטער, שרייבער, טעאַטער־לייט, פילם־סטאַרס און די בלום פון דער אַלוועלטלעכער באַהעמען־משפחה.

די שטאָט פון טויזנטער ליכטער, אָט די „וויל־דע־מיל־לימיער", ווי די פראַנצויזן האָבן איר אַ נאָמען געגעבן, האָט דאָ פון קיין שלאָף, יאָרנלאַנג, נישט געוווּסט. די טעראַסעס ביי די קאַפעס, באַלויכטן מיט אַלע מינים פאַר־ביקע, עלעקטרישע לאָמפּן, האָבן קאָנקורירט מיט דער זונס־טאָג־שטראַלן און זי מנצח געווען. מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט און מיט פאַנאַטישן גלויבן

אין אומשטערבלעכקייט האבן פאנטאזיארן־קינדער זיך געטוליעט צו די געקינצלטע עלעקטרישע שטראלן און זיך פארשיכורט אין זייערע פארבן.

זיינען זיך שיינע פרויען, אנגעגורט מיט פאריזער „שיק" אויף זייערע לענדן, ארומגעשפאצירט מיט פאמעלעך־דראבנינקע טריט איבער די סאלאנען אין „ראטאנדע" און באוואונדערט די אומציילליקע אייל־בילדער, אקווארעלן און צייכנונגען, דער בלוט און מארך פון פארהונגערטע גאונים־קינסטלער, וואס האבן ערגעץ אויף א בוידעם־סטודיא אדער גאר אין א קעלער שטיבל, און ווער אונטערן פרייען הימל אין א ווינקל פון לוקסעמבורגער גארטן, אויסגעצייכנט און אויסגעפענזלט זייערע ליבעס, האפנונגען, אנטוישונגען, אדער רעוואלוציאנעריש, מענטשלעך אייביקע אידען; אויסגעפארמעוועט זיי אויף די אלע לייוונטן וואס רעדן איצט אזוי לעבעדיק צו אייך פון די ראטאנדע־ווענט ווארטנדיק אויף אן אפקויפער.

אט איז אין א זייט צווישן צוויי שפיגל־ווענט א „ביו" (נוו־), א שיין בלאנד מיידעלע, א בת־שמונה־עשרה, חאכט זיך, מיט א לאנג געשטרעקט אלאבאסטער־פארביק העלזעלע, א לענגלעך פנימל מיט דערגאזשירטן שטערן וואס זאגט: איך בין ריין פון זינד; דאס נעזעלע אירס, אביסעלע פארשפיצט ארויפצוצו, מיט זיסער חוצפהדיקייט, ערגעץ צום הימל; די פארזשמורעטע לענגלעך־יאפאנעזישע אייגעלעך און דאס מיילכל מיט די פארצויגענע ליפעלעך ווי א רויז־בלומיק בלעטעלע און דער גאלדענער קאפ־האר געצוואגן און געלאשטשעט פון א לייכט זומער ווינטעלע וואס שארט זיי אוועק פון איר ליכקן אויערל און רוימט איר איין סודותדיק: ווייסט מיידעלע, אז דו ביזט פאראייביקט? ווייסט מיידעלע, אז בעת דו וועסט שוין זיין אן אלטיטשקע, צוריק איינגעשרומפטע און איינגעהארטע באבעשע, מיט קנייטשן, טויזנטער קנייטשן אויף דיין שטערן, אונטער די אויגן, אן פארב אין די אמאל געוועזענע ארענזשן־זאפטיקע בעקלעך, שוין צו דער ערד א נאענטע—וועט נאך דא, אויף דער טערעסע ביי א ווינקל־טישל, פאר אן אויסגעשנארעטן פראנק, ביי א גלעזל רויטן־ווין, זיצן אן אייביקער בחור, מיט א זילבער־ווייסן קאפ האר, און איינגעהויקערטן רוקן, א פארליבטער, מיט אן אייביקן ריס אין הארצן, א שמייכעל שוין צו א גרימאסע ענלעך און נאך כסדר זעען דיך אט אזוי, ווי ער האט דיך דא געמאלט אויפן לייוונט? ביי אים בלייבסטו אייביק יונג, אייביק פארשייט, אן אייביקע ליבע . . . — — —

אין „דאם, ביי מארמארנע שווערע און מאגאן־פארביקע טישלעך, זיצן גרופקעס, זשמענקעס מיט מענשן, איינגעהילט אין א לייכטן, דורכזעעוודיקן וואלקן פון ציגארעטן רויך און לשונות, א בבל מיט לשונות!

ביי א שאך־מאט טישל זיצט א סקולפטאר מיט א ווייסער, שניי־ווייסער בארד, האלט אין האנט א סטאטועטקע פון לעוו טאלסטאי, זיין מייסטערווערק, דאס האט דער רוסישער מאראליסט פאר אים, דעם סקולפטאר, פאזירט א לעבעדיקער, קעגנאיבער אים, אן אויסגעהארטער בחור מיט נאך עטלעכע



שיטערע פארבליבענע האר אויפן קאפ, נאר קיינמאל נישט פארקאמטע; א פאר אויסגעדרייטע הארן־ברילן אויף דער לאנגער, גוטמוטיקער נאז; באוועגונגען נערוועזע, רעדט גיך און די האנט, דווקא די לאנגע האנט, שטעלט אוועק מיט כעס א פיגור און גיכיק־שטיל הערט מען ווי ער זאגט: „טשעק" * און בעת ער זאגט „טשעק" איז ביי אים אין קאפ פארטיק געווארן אן ארטיקל, א קריטיק, אן אפהאנדלונג וועגן א יידישן קינסטלער.

מיטן ארויסזאגן זיין „טשעק" קען מען גלייך דערפילן אז עס איז פארזיגלט געווארן דער גורל פון א קינסטלער. אויף צו מארגנס אדער אין א וואך שפעטער און ער זיצט שוין ווידער א נערוועזער ביים זעלביקן שאךטישל מיט א הארץ פיל חרטה פאר דער קריטיק וואס ר׳האט אנגעשריבן און האט א וויכוח מיט זיך אליין: „כ׳קען נישט אנדערש, קונסט איז נישט קיין מסחר, לגבי קונסט מוז מען זיין אויפריכטיק, ערלעך, כ׳קען נישט אנדערש! און ווען דער, אזוי נישט צום אויסמאלן, בלויער־פאריזער הימל באווייזט זיך אזייגער פיר אין א יולי נאכט, גייט ער א זופ דעם לעצטן טראפן שווארצע קאווע און ווערט נעלם. יום־טובדיק, אזוי ווי צום סדר אפריכטן, זעט ער אויס אין „קופאל". סטודענטן אין א לאנגער שורה מיט פארשיידנפארביקע שווארץ־פלחשענע בערעטן אויף די קעפ דורכגעשלייכט מיט שווארץ־חנעוודיקע פריזער קאקעטישע סטודענטקעס פול געלכטער און געזאנג טאנצן ארום די טישלעך, פארגעס נישט צו כאפן א בליק אין די העלע זילבער־שפיגלען און איבערלאזנדיק הינטער זיך א קאפע פול געהויבענע שטימונג. קרעשן און געלעכטער, פארשווינדן זיי. דערווייל, אין א ווינקעלע, ביי א סערווירטן טישל מיט פיינעם סאלאט און לאנגוסט מיט מאיאנעז באגאסן, ביי דעליקאטע זופזופן פון א גוטן אלט־פראנצויזישן שאמפאניער־ווין איז באשאפן געווארן דער ערשטער באנד „יידישע ענציקלאפעדיע" — — —

* „טשעק"—שאך דעם קעניג, געמיינט.

יוסף הלל לעווי

## ארץ ישראל אדער אן אינטערנאציאנאלע גאראנטיע?

אינם מאי־נומער 52 איז פאראנען אן ענטפער צו מיר פונם געשעצטן קאלעגע י. ריכטיגער אויף מיינע פיער קשיות, וועלכע איך האב אייגנטלעך גארניט געשטעלט, נאר דער יידישער חריף האט זיי ארויסגעחקרנט . . .

אויף די ערשטע צוויי קשיות קום איך אפ, זאגט ער, מיט א סקארבאוון: „עבדים היינו", און אויף די לעצטע צוויי קשיות ענטפער איך אפילו קיין תירוץ אויך ניט, נאר איך גיב פשוט אן עצה זיך ארויסצושלאגן די ארץ ישראל אילוזיע, און זיך צו נעמען פאר פראקטישער ארבעט: צו פארלאנגען ביי א פרידנס־קאנפערענץ „אן אינטערנאציאנאלע גאראנטיע", און ער נעמט אלס אן

עדות די לאגיק מיט וועלכער איך האב אפעלירט, צו באווייזן ווי אומלאגיש מיין פאדערונג איז געווען. מחמת מיין באהויפטונג, „אז אלעס וועט בלייבן ביים אלטן”, פרעגט ער: „טא ווער וועט געבן די אינטערנאציאנאלע גאראנטיע” ? איז פארגין איך טאקע קאלעגע ריכטיגער מסופק צו זיין, דאס וואס ער האט מיר ניט פארגעבן. ווייל לויט מיין אויפפאסונג איז דאס מער ניט נאר א פראגע פון גלויבן, און מיין מאמר איז אויך נאר געווען א השתפכות הספקות....

איך האב קיינמאל ניט געזאגט, אז ארץ ישראל קען ניט זיין אויך א לעזונג פאר דער יידן־פראגע,—וואס איך האב אבער יא געזאגט איז: אז ארץ־ישראל איז ניט די איינציקע לעזונג פון דער יידן פראגע. . . .

מיר קענען נאר דאן באקומען אן אינטערנאציאנאלע גאראנטיע שרייבט י. ריכטיגער, ווען עס וועט זיין עפעס אזא אינטערנאציאנאלע אינסטיטוציע וועלכע וועט זיין בכוח אויפצוצווינגען אינטערנאציאנאלע התחייבותן אויף די פעלקער, און אויב זי וועט עקזיסטירן, האבן מיינע ערשטע צוויי קשיות ניט מער קיין זין, ווארום עס וועט ניט מער נויטיק זיין פינף מיליאן באוואפנטע יידן אויף צו פארזיכערן דעם יידישן קיום. מיין פירטע קשיא פאלט אוועק, זאגט ער ווייטער,—מחמת סאוויעט־רוסלאנד האט גאראנטירט אלע קליינע מלוכות נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע און סוווערעניטעט. אויף דעם אלעם האב איך נאר איין תשובה פון קאלעגע י. ריכטיגער: און די דאזיקע איז „אומגעקערט זיך איז אויך געפארן” . . . אויב מען קען זיך ניט פארלאזן אויף די יאשקעס און וואיטקעס ביז גאטס ליכט וועט אויפגיין אין זייערע הערצער און זיי וועלן פארשטיין דעם זין פון לעבן, מיינט קאלעגע ריכטיגער אז אויף דער וועלט דיפלאמאטיע איז זיך דא וואס מער צו פארלאזן, אז די דאזיקע זענען ריקזיכטספולער, יושרדיקער און רחמנותפולער ? . . . .

געוויס מוז מען גלויבן, מחמת אן גלויבן לאזט זיך אלעס אויס. עס פרעגט זיך נאר וואס איז דורכפירבארער, פארנינפטיקער און לייכטער צו גלויבן. . . .

אן אינטערנאציאנאלע גאראנטיע אויב זי ווערט איינגעהאלטן וועט קענען פארזיכערט זיין, ווי שוין געזאגט, די יידן פון דער גארער וועלט. די באלפור דעקלאראציע אויב זי ווערט איינגעהאלטן קענען נאר פארזיכערט זיין די יידן פון פאלעסטינע אליין, מחמת ארץ ישראל איז דאך אן ענגלישע מאנדאט. און ווען מען זאל ביי מיר פרעגן, אויב איך וואלט געוואלט ביידע, קען פריינט ריכטיגער באשטימט פארזיכערט זיין, אז איך וואלט ניט ניין געזאגט . . . . אבער אז מירן ביידע פארלאנגען האבן מיר מער אויסזיכט גארניט צו באקומען, ווייל מען טאר ניט פארגעסן, אז די אראבער זענען פאר די ענגלענדער אן אנדערער ענין ווי פאר אונז, און זיי וועלן האנדלען ווי עס וועט פאר זיי, ניט פאר אונז בעסער זיין . . .

ניט איך האב געזאגט אז די אנדערע לענדער וועלן ניט צוריק אויפגעשטעלט ווערן, ניט איך האב געזאגט, אז פאלעסטינע וועט ניט קענען באשטיין,—



וואס איך האב אבער יא געזאגט איבערחזר איך נאך אמאל: אז אפילו ניט פוילן און פראנקרייך זענען בכח געווען זיך צו באשיצן, און הלואי עס זאלן אין דער צוקונפט ניט ווידער אינטערנאציאנאלע אינטריגעס פארפלאכטן ווערן, אין וועלכע יעדעס לאנד זאל ניט ווייטער זיין ווי א שפילכל אין די הענט פון די דיפלאמאטן . . . ווען יא,—איז יעדע גאראנטיע און צוזאג ווערט אן אויסגעבלאזן איי . . . אבער מיר ווילן דאס ניט גלויבן, מיר ווילן בעסער האפן, אז א יושרדיקע וועלט וועט אנטשטיין, אין אזא פאל וועט אן אינטערנאציאנאלע גאראנטיע, אויב מיר וועלן זי פאראייניקט פאדערן, לייכטער זיין צו רעאליזירן ווי אלעס אנדערע. געוויס מוז מען מקריב זיין אלע סענטימענטן, פראגראמען און פארטייען, פאר איינעם פון דעם גרעסטן סענטימענט, פראגראם און פארטיי, וואס רופט זיך אן: „יידיש פאלק” . . .

י. ריכטיגער

## נאציאנאלער באוווסטזיין

### (צוריק צו דער ארץ ישראל פראגע)

כמעט ניינצן הונדערט יאר שוין מוטשעט זיך דאס יידישע פאלק אין גלות. כמעט ניינצן הונדערט יאר שוין בעט עס צו דערלעבן דעם טאג ווען עס וועט זיך קאנען צוריקקערן אין זיין היים. דאך, ווען נאכן לעצטן קריג, ווען די לאנג דערווארטעטע שעה האט געשלאגן און די טויערן פון ארץ ישראל האבן זיך ווייט געעפנט אויפצונעמען די יידישע מאסן, האט אן אפאטישע גלייכגילטיקייט ארומגענומען דעם גרעסטן טייל פונם פאלק, מיט א קאלטע אויסגערעכנטקייט האבן זיי געוויגן די פאליטישע און עקאנאמישע פאקטארן, א שטייגער ווי עס וואלט זיך געהאנדלט אין מאטעריעלע עסקים און ניט אין דער באזיס פון זייער זיין אדער ניט זיין.

די דאזיקע אומנאטירלעכע דערשיינונג, וואס האט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער וועלט־געשיכטע, קאן נאר דערקלערט ווערן אין ליכט פון דער לאנגיעריקע יידישע מארטירעלאגיע. דורות לאנג האט דאס יידישע פאלק ארומגעוואנדערט איבער דער וועלט, לאנד אויס, לאנד איין, אן ציל און אן צוועק. א ביטערער יאוש האט פון אים אפגעמעקט יעדן שיין פון האפנונג אויף א נאטירלעכער רעהאביליטאציע. די פאזיטיווע און קלארע ווערטער פון די נביאים זענען דורך דער צייט פארוואנדעלט געווארן אין אוטאפיסטישע חלומות. די מאסן האבן דערווארט אז עס וועט געשען עפעס א נס און אפילו די ניכטערע קעפ צווישן זיי האבן גערעכנט אז עס וועט קומען עפעס א וועלט־איבערקערעניש.

ווען דער פאליטישער ציוניזם איז ארויס אין די יידישע גאס מיט א פאזיטיוון פראגראם, מיט אן אויפפאדערונג צו די יידישע מאסן אז זיי זאלן מיט פאראייניקטע כוחות צוריק אויפבויען זייער היימלאנד, ארץ ישראל, האבן זיי

פּשוט ניט פֿאַרשטאַנען דעם דאָזיקן רוף „בשוב ד׳ את שיבת ציון היינו כחולמים“, ווייל זיי האָבן געהאַט פֿאַרלוירן יעדן חוש פֿאַר די ווירקלעכקייט, זיי האָבן שווער געקאָנט גלייבן, אַז אַזאַ הייליקע אַרבעט קאָן געטאָן ווערן אַזוי וואַכנדיק־פּראָסט. רעכטע און לינקע, פֿרומע און פֿרייע האָבן זיך דורות לאַנג אַרומגעטראָגן מיט אַזעלכע שיינע חלומות פֿון אַ גן עדן אויף דער ערד, וווּ מענטשן־מלאכים וועלן אַרומשפּאַצירן, אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט צופֿרידנשטעלן מיט דעם אַל צו פּראָזאַאישן פּראָגראַם פֿון פּאָליטישן ציוניזם. און כדי צו איבערצייגן די מאַסן אַז עס איז דאָך נויטיק, כאַטש פּראָוויזאָריש, צו האָבן אַן אייגן ווינקעלע אויף דער ערד, האָט זיך הערצל געמוזט באַנוצן מיט איבערצייגענדע אַרגומענטן, ער איז געווען פֿאַרפּליכטעט צו ווייזן אויף דעם חוב וואָס ס׳ליגט אויף יעדן איד צו העלפֿן שאַפֿן אַהיים פֿאַר די היימלאָזע, פֿאַר די מיליאָנען רעכטלאָזע יידן פֿון מזרח־אייראָפּע. צום באַדויערן האָט אָבער פּונקט דער דאָזיקער איבערצייגענדער אַרגומענט אַרויסגערופֿן אַ צעמישונג אויף די יידישער גאַס.

דער „בונד“ האָט באַהויפּטעט: אַז די יידישע רעכטלאָזיקייט איז אַ פּועל־יוצא פֿון די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, און דערפֿאַר דאַרף דער ייד ניט זוכן קיין נייע היים, נאָר ער מוז קעמפֿן צוזאַמען מיט אַלע אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע פֿאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און די אָנערקענונג פֿון זיין אייגענע רעכט אין דעם לאַנד אין וועלכן ער לעבט.

טעריטאָריאַליסטן האָבן געפֿרעגט פֿאַרוואָס מוז דאָס יידישע היימלאַנד דווקא זיין אין דעם וויסטן אַזיאַטישן לאַנד, קאָן מען דען ניט געפֿינען לענדער מיט בעסערע באַדינגונגען וווהין גרויסע יידישע מאַסן זאָלן קאָנען אימיגרירן?

דאָס יידנטום פֿון די דעמאָקראַטישע לענדער האָט פֿאַרשטאַנען אַז עס מוז געשאַפֿן ווערן אַהיים פֿאַר די מיליאָנען רעכטלאָזע יידן פֿון מזרח־אייראָפּע. זיי זענען אָבער ביי זיך געווען זיכער, אַז פֿאַר זיך זעלבסט האָבן זיי עס ניט נויטיק.

און סתם יידן האָבן שטאַרק געצווייפֿלט אויב עס לוינט זיך דער גאַנצער טומל צוליב אַ לאַנד וואָס קאָן אין בעסטן פֿאַל נאָר אויפֿנעמען אַ קליינע צאָל יידן.

דער רעזולטאַט איז געווען אַז אין די ערשטע יאָרן נאָך די באַלפֿור דעקלאַראַציע איז דאָס יידישע פֿאָלק ניט געווען פֿאַרגעברייט אויף זיך צו נעמען דעם אויפֿבוי פֿון די נאַציאָנאַלע היים. . די יידישע מאַסן האָבן געצווייפֿלט אין די דאָזיקע גאולה. עס האָט זיי געפֿעלט דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, די דינאַמישע קראַפֿט וואָס רעכנט זיך ניט מיט פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע פֿאַקטאָרן.

אמת! דער היטלער־חורבן וואָלט ניט אַזוי גרויס געווען, ווען די יידן וואָלטן זיך צוגעהערט צו די ציוניסטישע וואָרנונגען וואָס האָבן געקלינגען פֿאַר די לעצטע פֿערציק יאָר אין די יידישע גאַס. דאָס אָבער, האָט ביז היינט



נאָך זער ווייניק פֿון די געגנער איבערצייגט, אַז דאָס יידישע היימלאַנד מוז זיין ארץ־ישראל. דערפֿאַר „חכמים הזהרו בדבריכם“ מוז מען זער פֿאָרזיכטיק זיין מיט די סלאָגאַנס, מיט הויך קלינגענדע אָדער אויגנשיינליך איבערצייגענדע פֿראַזן. צו פֿיל שוין באַנוצט מען זיך מיטן מאָטיוו אַז נאָך די מלחמה וועלן מיליאָנען יידן זיין היימלאָז, און אַז ארץ ישראל איז נישט דאָס איינציקע לאַנד וואָס קאָן זיי אויפֿנעמען. אויב די, וואָס האָבן דאָס וואָרט, וועלן ניט פֿאַרענדערן זייער פּאָליטישן קורס, וועלן זיי אונז אָנווייזן דעם וועג צו מערערע האַטענטאָטן לענדער, אָבער ניט נאָך ארץ־ישראל. עס וועט אונז ניט העלפֿן דאָס וואָס מיר וועלן זיי אָנווייזן אויף די גרויסע אינדוסטריעלע רעוואָלוציע וואָס מיר האָבן געמאַכט אין נאָענטן מזרח. זיי ווילן דאָס גאָר ניט האָבן. די ציוויליזאַציע פֿון נאָענטן מזרח איז גאָר קעגן זייערע אינטערעסן. אָדער אפשר איז נאָך פֿאַראַנען צווישן אונז מענטשן, וואָס זענען נאָך אַזוי נאַאיוו, אַז זיי גלייבן אַז דורכן אויפֿוועקן פֿון רחמנות וועט מען צוריק באַקומען אונזער היימלאַנד? אין אַ וועלט ווי ס׳איז ניט פֿאַראַנען קיין יושר, ווערט אויך דער געשריי נאָך רחמנות דערשטיקט.

אונזער איינציקע האָפֿנונג איז, אַז דער איצטיקער פּאָליטישער קורס וועט קומען צו אַן ענדע, און מען וועט אָנערקענען די לייסטונגען פֿונם יידישן פֿאָלק און העלפֿן באַפֿרייען די וועלט פֿון די פֿאַשיסטישע טייוואָלאָנים. טאַ צו וואָס נוצט עס אונז צו שאַפֿן דעם איינדרוק אַז דעם שארית הפליטה וועט מען מוזן עוואַקואירן, פֿאַרוואָס ניט פּרעסן אויף די לענדער, אַז די פּאָזיציע פֿון די יידן מוז פֿאַרבעסערט ווערן צוזאַמען מיט די פֿון אַלע אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע? מיר קאָנען זיך ניט ערלויבן צו פֿאַרבלייבן אַן אתה בחרתנו פֿאָלק, ד.ה., דאָס איינציקע פֿאָלק אין די וועלט וואָס האָט ניט קיין אייגענעם שטאַאַט וועזן. ווייל אַזאַ צושטאַנד שוואַכט אָפּ אונזערע פּאָזיציעס אין דער דיאַספּאָראַ און איז די סיבה פֿון אַנטיסעמיטיזם. מיר פֿאַרלאַנגען אַ יידישן „קאָמאַנוועלטה“ אין ארץ ישראל, ווייל יעדעס באַוווינבאַרע לאַנד וואָס געפֿינט זיך אויף די ערד האָט אַ היימישע באַפֿעלקערונג. ביי אַ מאַסן־עמיגראַציע, ביים וועלן מאַכן פֿון אַזאַ לאַנד אַ יידישן קאָמאַנוועלטה מוז מען קומען אין צוזאַמענשטויס מיט די עלעמענטאַרע רעכטן פֿון די היימישע באַפֿעלקערונג. דאָס איז קעגן אונזער געפֿיל פֿאַר גערעכטיקייט, דאָס קאָנען מיר ניט טון. אויף ארץ ישראל האָבן מיר אָבער אומבאַשטרייטבאַרע היסטאָרישע רעכט. די רוימער האָבן אונז דאָס לאַנד צוגערויבט, מיר האָבן קיינמאָל ניט אונזערע רעכט איבער דעם לאַנד אויפֿגעגעבן. אמת, אַזעלכע רויב־פֿאַלן זענען אויך ביי אַנדערע פֿעלקער פֿאָרגעקומען. זיי האָבן אָבער אינצווישן־צייט אַנדערע לענדער פֿאַרכאַפּט און זיך דאָרט איינגעלעבט, געוואָרן די בעל־הבתים פֿון די דאָזיקע לענדער. זייערע פֿאָדערונגען זענען נאָר צוליב אויסשפּרייטן זייער מאַכט, דערפֿאַר מוז מען, אין אַ וועלט ווי עס וועט הערשן אַביסל יושר, זייערע פֿאַרלאַנגען צוריק ווייזן. מיר זענען די איינציקע וואָס האָבן ניט צוגענומען קיינעמס לאַנד און נויטיקן זיך

אין אַן אייגענעם שטאַט, און דערפאַר פאַרלאַנגען מיר אַז די יידישע קאָמאַנוועלטה זאָל זיין אין ארץ ישראל. אין אַ וועלט פון יושר וועלן אויך די אַראַבער פאַרפליכטעט זיין צו אָנערקענען אונזערע היסטאָרישע רעכט איבער ארץ ישראל.

י. ביעטש

## ביים סימפאזיום פון יידישע קולטור

(אין נאָמען פון „פריינט פון יידיש לשון")

יידישע קולטור, געמיינט דערמיט דאָס יידישע שאַפן אין אַלע צייטן, נעמט אַרום אַלע פאַזן פונם יידישן לעבן, די אַלטע און נייע ליטעראַטור, וואָס ס'איז דער חוט־השדרה פון פאָלק, זענען די שפּיגלען, וואָס מיר דערזען זיך אין זיי און רעפלעקטירן די שעפערישע כחות, וואָס ציט זיך ווי אַ גאָלדענע קייט, דורך דורות, ביז צו אונזער היינטיקער צייט. הגם די יידישע ליטעראַטור איז נאָך אַ יונגע האָט זי זיך ברייט און שיין פאַנאַנדערגעבליט און דערוואָרבן אַ חשובֿ אָרט אין די ציוויליזירטע וועלט דורך די ווערק פונם זיידן מענדעלע, פרץ, שלום עליכם, שלום אש און אַנדערע. איצטער אַז זייערע ווערק ווערן איבערזעצט פון יידיש און איבערגעטראָגן אין די וועלטליכע ליטעראַטור, ווערט דערמיט פאַרגרעסערט אונזער אייגענער קולטורעלער ווערט און פאַרנעמען אַ בכבודדן פלאַץ וועלכן מיר פאַרדינען. נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין דעם יידישן קולטורעלן שאַפן קאָנקורירט מיט אונז די ניט יידישע שפּראַך. וואָלט ח"ו אַנדערש געווען און זיי וואָלטן זייערע ווערק געשאַפן נישט אין יידיש, איז גרייליך אַז זייערע ווערק וואָלטן נאָר געווען באַוווּסט יחידי סגולה און פאַרשער אָבער פרעמד די ברייטע פאָלקסמאַסן אונזערע, און וואָלטן געוואָרן צוגעשריבן צו די פּוילישע און רוסישע קולטור. בכן מוזן מיר זיך אָבשטעלן אויף דעם געדאַנק פון אַ אייגענע אַלזייטיקע קולטור אין די יידישע שפּראַך, וואָס זאָל דערהייבן אונזער גייסטיקן און קולטורעלן מעמד.

עס מוז ווערן באַטאָנט, אַז די העברעאישע שפּראַך וואָס פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין אונזער שאַפן, איז בלי ספק מיט איר היסטאָרישן און קולטורעלן ווערט וואָס ס'איז געשאַפן געוואָרן, דאָס גרעסטע און מייסטערהאַפטע אין אונזער שאַפן. די ביבל, וואָס ענטהאַלט דעם חומש, שמואל און מלכים, מיט זייער קלאַסישע קונסט צו דערציילן, דער תהלים, די נביאים, און זייער פאָלקסטימליכע דרשות, מיט זייער פאַרטיפונג וועגן עטיק, אמת און סאָציאַלן יושר, פון פעלקער פאַרברידערונג, ווי עס וועט אויפהערן רציחה, גזילה און מאָרד און הערשן אייביקער שלום אויף דער וועלט, צווישן אַ אַלגעמיינע נאָבעלע מענטשהייט, אַזעלכע טיפע אידעען האָט נאָר געקאָנט זיך געשטאַלטן און אָנ־



געמען אַ פאָרם ביי אונזערע נביאים. און אויך דער זמן התלמוד און די שפּאַנישע צייט געהערן צו אונזערע גלענצענדע גאונים.

אונזער מאָדערנע קולטור, אין אַלע אירע צווייגן, איז די נויטיקע דערגאַנצונג צום לעבן. עס נעמט אַרום אַלע צווייגן פונם שאַפן, קונסט ווי מאַלעריי, סקולפּטור, ליטעראַטור און מוזיק, דאָס פאָלקס־ליד, פאָלקס־פערלאַגן, ביבליאָטעקן, ערציהונג א.אז.וו. דאָס איז אַ טייל פונם לעבן גופא. עס שטאַרקט און מאַכט פאַרבייקער דאָס לעבן. און איצטער איז דאָס יידישע קולטור־שאַפן געבליבן שטיין אין אַ געווירמל פון אַ צערודערטער וועלט. עס קען ממש דערגיין צו אַ סכנה. אין אַזאַ ביטערע אויפטרייסלונגס צייט, ספּעציעל פאַר יידן, ווי מען איז זיך נוהג נאָך דעם דזשאַנגל שלחן־ערוך, איז כל האלים גבר, ווער עס קען האַלטן אַ שטיין וואַרפט אים אויף אונזערע קעפּ, מוזן מיר זיך איינשאַפן שטאַרקע הערנער, כדי צוריקשטויסן יעדע אָנגרייפנדיקע חיה־רעה, וואָס פאַרנעמט זיך אויף אונזער גייסט און קולטור.

די ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס וואָס איז בעיקר צו אינפאָרמירן ווי עס האַלט מיט דעם יידיש ליטעראַרישן און קולטורעלן שאַפן, טראָגט מיט זיך אַ הויכע אויפגאַבע און התחיבות נאָכצופאָלגן אַלע עטאַפּן פונם יידישן וואַנדער לעבן, און זייער ביישטראַג צו די קולטורן פון די פעלקער, ווו יידן געפינען זיך, ווייל נאָר דאָס וואָרט איז ביי אונז געווען אַ שטענדקי געווער אינם קאַמף און אַ נצחן מיטעל פאַר דעם קיום העם.

פריינט פונם יידישן לשון מוזן אויפנעמען דעם קאַמף פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידיש, און עס פאַלט אויף זיי דער חוב. דוקא אין די איצטיקע שווערע צייט, צו שטאַרקן און ערמוטיקן די יידישע שעפערישע כחות, און צוזאַמען מיט די יידישע אינטעליגענץ שאַפן אינסטיטוציעס וואָס זאָלן זיין דער אויספיר־אַפּאַראַט אינם קאַמף פאַר אַ פרייע אַלזייטיקע קולטור, און ווערן די שפּייכלער וואָס זאָל איינזאַמלען אונזערע געשאַפענע אוצרות, און נאָר אונזער ליבע צו די ווערטן פון אונזער ירושה וועט העלפן שפּינען און צוריק אויפלעבן אַ גרויסע און רייכע קולטור.

אברהם בוימערדער.

## יידישער קולטור-קלוב

(דער אָנהויב פון אונזער דערגרייכונג)

ס'איז באמת איינס פון די סאַמע וויכטיקסטע דערגרייכונגען וואָס דער יידישער קולטור קלוב האָט בעוויזן צו שאַפן אַ יידיש קולטור־הויז אין סטעמפאָרד הילל. ס'איז איינגאַנצן אַ פּאָר וואָכן ווי מיר שטייען ביי דער אַרבעט, מיט אַ פעסטן ווילן און מיט אַ סך ענערגיע. און איך מוז זאָגן, אַז אין משך פון די קורצע צייט האָבן מיר שוין דערגרייכט אַ גאַנץ גרויסן ערפאָלג. אָט

53



# אונדזערע שטעט און שטעטלעך

(א באַגריסונג-אויפרוף)

אונדזערע שטעט און שטעטלעך, וואָס ווערן יעצט באַפרייט דורך דער רויטער־אַרמיי, זיינען הייליקע יידישע ערד — מיט יידיש בלוט זיינען זיי אַדורכגעזאַפּט! מיט יידיש שאַפן פאַרוואָרצלט ביזן צענטן דור!! אונדזערע גייסטלעכע און גייסטיקע קולטור איז אויף זייער באָדן אויפגעגאַנגען. נאָר צו דערמאָנען בלויז ווילנע און לובלין! און יעדע קליינע שטעטל דאָרט איז דאָך אַ סימבאָל פון קולטור און תורה, פון יידישע שעפערישקייט און גייסטיקייט—פון איינגעשפּאַרט־קייט און עקשנות פאַר אונדזער ווייטערן קיום! די יידישע שולן און לערער סעמינאַר, די ישיבות און רבישע הויפן אין יעדן צווייטן יידישן שטעטל!! די ביבליאָטעקן און פערלאַגן, אַרבעטער־כאָרן און טעאַטערס, חלוצישע קבוצות און אַרבעטער קלובן; דער התלהבותדיקער ברען און אַקטיווקייט פון די יידישע מאַסן אין יעדן יידישן שטעטל און שעפערישן ווילן; וועלכעס שטעטל, עד־היום, שמט נישט מיט עפּעס אַ גאון, אַ געלערנטן, אָדער אַ באַרימטן קינסטלער?

די קלאַסיקער פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, אַלע אונדזערע גרויסע שרייבער און פּאָעטן און קינסטלער זיינען דאָך געבוירן און אויפגעוואַקסן אין אָט די שטעטלעך און אין די שטעט און שטעטלעך געטון זייער עבודת הקודש. און די שרייבער און קינסטלער און וויסנ־שאַפטלער, וואָס לעבן און אַרבעטן יעצט אין אַנדערע יידישע ישובים, אין אַמעריקע, אין ארץ־ישראל, זיינען זיי דאָך אויך אַרויסגעוואַקסן פון אָט די הייליקע און צעווייטיקטע ערד פון אונדזערע שטעט און שטעטלעך.

די שונאים פון יידישן פאָלק, די שונאים פון דער גאָרער מענטש־הייט, האָבן אונדז געוואָלט אויסראָטן ביז צום שורש — עס איז זיי נישט געלונגען! די גלאָררייכע רויטע אַרמיי טוט דאָס צו זיי איצט, וואָס זיי האָבן אונדז געטון, זיי ווערן פאַרטריבן און פעריאָגט פון אונדזערע שטעט און שטעטלעך, וואָס זיי האָבן פאַרוויסט און אין די הונדערטער טויזענטער אונדז דאָרט ווי די שאָף ממש געשאָכטן און מיט די ערגסטע עגויים אונדז פאַרטיליקט. די רויטע אַרמיי יאָגט זיי אַצינד, אונדזערע

... ל מיר
... ענען זיי אויך
נישט אַצינד פאַר אונז, עפּעס אַ נייער פאַרטייאישער, אָדער פּאָליטישער מאַכט־פאַקטאָר — אַ צופאַל אין אַ שפּיל עפּעס צו געווינען!

די קערנדלעך, וואָס מיר האָבן דאָ פאַרזייט מיט שווייס און בלוט. זוער עס ווייסט און זוער עס האָט געזען, ווי אַזוי מיר האָבן אויפגעבויט אונזער הויז דער קען עס אפשר אָפּשאַצן! און אויב מיר שטייען שוין היינט פאַר אַ געשעענעם פאַקט, מוז מען מיט פרייד זאָגן, אַז דאָס וואָס מיר האָבן דאָ פאַרזייט שפּראָצט אַרויס, דאָפּלט פיל מיט לעבן.

טאָג איין טאָג אויס קומען אַריין אין אונזער קולטור־קלוב מיידלעך און יינגעלייט, סיי יינגערע און סיי עלטערע, און ווערן ביי אונז מיטגלידער און העלפן אונז שוין מיטאַרבייטן.

עס קומט מיר אויס יעדן טאָג צו ריידן מיט פרישע צוגעקומענע, אַ סך פון די יידן אַזוי דאָס עפּעס אַ נייעס! אַ יידישער קולטור־הויז! וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

און דאָ קען מען זען די טראַגעדיע פון די בלאָנדזשענדע נשמות. און ווען זיי הייבן נאָך אָן צו ריידן זייער אַרט יידיש! אין פלוג קלינגט עס עפּעס אַזוי קאָמיש, אָבער באַלד ווערט קאַלט אויף דער נשמה . . . אוודאי איז דאָ אַ סך וואָס זוכן אַ תיקון, אין אפשר ציט זיי פאָרט צו דעם שטאַם, ווו זייערע עלטערן האָבן אַמאָל געהערט!

עס ליגט אַ גרויסער פליכט אויף די אַלע וואָס איז ביי זיי טייער דאָס יידישע וואָרט, די יידישע ליטעראַטור, יידישע קונסט, מיט אַלע כחות אויפ־צוהאַלטן דאָס, וואָס איז פאַר אונז ליב און טייער און מיט דעם וואָס מיר זיי־נען געווען געקניפּט און געבונדן.

נאָך איצט איז די ציַיט צוריק צו געווינען די וואָס האָבן געמיינט און די וואָס מיינען נאָך, אַז די יידישע קולטור, יידיש וויסן און יידיש דענקן איז אַ הפקר זאַך. און אויב מיר וועלן צוגיין מיט אַ פעסטן ווילן ערליך צו דער אַרבעט פאַר אַ יידיש קולטור לעבן, וועלן מיר זיכער דערגרייכן ממשותדיקע רעזולטאַטן.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן רידינג־רום, 38 אַדלער סטריט, א. 1.—3 אַזייגער נאָכמיטאָג)

שבת, דעם 3־טן יוני, וועט א. מ. פוקס האַלטן אַ פאָרטראָג איבער דר יצחק שיפער און שכנה זאַגאַן.

שבת דעם 10־טן, וועט דר. טאַנענהויז האַלטן אַ פאָרטראַג: לאַסאַל דער סאָציאַליסט. דראַ דימענט וועט לייענען היינריך הייגע.

שבת דעם 17־טן, וועט זיין געווידמעט דעם שאַפן פונם סאָוויעטישן יידנטום.

שבת דעם 24־סטן וועט זיין אַ פייערונג לכבוד די רויטע אַרמיי.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129, קאָוועל סט., לאָנדאָן, א.1.

פרייז 1 שילינג

# יידיש-סאָוויעטישע ברידער

## אונזערע ברידער אין סאָוויעט-רוסלאַנד

.1

פאַר אונז, גלויביקע אין דער גייסטיקער שעפערישקייט פון דער יידישער קולטור, וואָס „נצח ישראל" מיינט נישט נאָר אַ בלויזער פראַקטישער פאַקטאָר פון אַן ענג נאַציאָנאַליסטישן קיום; פאַר אונז, וואָס דאָגמאַטישער קולט, מסירת נפש פאַר אַ קיצו של יוד הייסט נאָך ניט לעבן, פונקט ווי דאָס סענטימענטאַלע פינטעלע ייד אַליין געניגט נאָך נישט און ס'לוינט נאָך נישט, אַז מ'זאָל דערפאַר לעבן; פאַר אונז זענען אונזערע סאָוויעטישע ברידער, זייער עקזיסטענץ ווי אַ יידישע איינהייטלעכקייט און זייער גייסטיק שאַפן אַ נייער אָנהויב פון אַ באַוויין,—אַן אתחלתא דגאולה! — אַז זיך אויסלעבנדיק מיט יידישער קולטור און שאַפנדיק אין איר, האַלט עס אונז מאַגנעטיש צוזאַם אין אַ קאָלעקטיווער איינהייט.

אַז נישט נאָר מען ווערט נישט אָפּגעריסן פון יידישן שטאַם, נאָר מ'איז דעמלט דער שטאַם גופא, טיף פאַרוואָרצלט, נישט אויסגעריסן צו ווערן! וואָרים, אַז דער בוים טראָגט זאַפטיקע פירות זענען זיי דאָך די בעסטע סמנים, אַז די צווייגן זענען נישט פאַרפוילט חלילה און אָפּגעבראָכן, או אַז דער שטאַם איז אַ פאַרוואָרצלטער.

דאָס סאָוויעטישע יידנטום האָט באַוויזן אַז ס'איז בכלל נישט נויטיק אויסערלעכע נגישות און געטאָ-מויערן, פונקט ווי מען ברויכט אויך נישט אינערלעך אַזוי זיך צו פאַרצוימען, מיט „סייגים" און „גדרים", בכדי מיר זאָלן קאָנען בלייבן און עקזיסטירן ווי אַ קאָלעקטיווע איינהייט מיט אייגענע אינדיווידועלע אינטערעסן און הצטרכותן — אַ פאָלק וואָס איז גייסטיק שעפעריש און האָט אַ שטאַרקן קולטור-ווילן בויט זיך כסדר אויף זיינע אייגענע נייע וועלטן אין וועלכע עס לעבט זיך אויס און לעבט אויף און בלייבט אומשטערבלעך. עס איז אַ קולטור-פאָלק דעמלט גלייך מיט אַלע און געשעצט און געערט צווישן די פעלקער.

.2

פאַר אונז, גלויביקע אין אונזער פאָלק ווי אין אַ גייסטיקן שעפערישן כוח, זיינען די סאָוויעטישע יידן נישט אונזערע צוריק געפונענע ברידער, ווייל מיר האָבן זיי קיינמאָל נישט געהאַט פאַרלוירן, חלילה. דערפאַר זענען זיי אויך נישט אַצינד פאַר אונז, עפּעס אַ נייער פאַטריאַישער, אָדער פאָליטישער מאַכט-פאַקטאָר — אַ צופאַל אין אַ שפּיל עפּעס צו געווינען!

שונאים און די שונאים פון דער גרעסער מענטשהייט, עד חרמה! אויף די חורבות, וואָס זיי לאָזן נאָך זיך, וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן אונדזערע ישובים, וועלן צוריק אויפבליען אונדזערע פאַרוויסטע מקומות — די יידישע גורילעס, אַנגעשלאָסענע אין דער רויטער אַרמיי, צוזאַם מיט אונדזערע יידישע ברידער אין דער גלאָררייכער רויטע אַרמיי זיינען די גאַראַנטיע דערפאַר!

צוריק אויפבליען פון זייערע חורבות און מאַסן-קברים וועלן אונדזערע לעבעדיקע און אַרבעטזאַמע שטעט און שטעטלעך, צוריק אויפשטיין צו נייעם אַקטיוון שאַפן און גייסטיקע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון יידישע און מענטשלעכער קולטור און צו יעדער נוצלעכער פּראָדוקציע. די שטעקן געבליבענע וואָרצלען פון אונדזערע אָפּגעהאַקטע לעבנס וועלן זיך צוריק פאַנאַנדערוואַקסן אין שטאַרקע שטאַמען און אין זאַפטיקע בליענדיקע דורות.

מיר דאָ, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט לייב און נפש מיטן יידישן פיזישן און גייסטיקן לעבן פון אונדזערע ברידער, שיקן אונדזער באַגייסטערונג צו די העלדן פון דער רויטער-אַרמיי און צו די אַנשליסנדיקע גורילעס פון אַלע באַפרייטע שטעט און שטעטלעך, מיר שיקן זיי אונדזערע ברכות פון די טיפענישן פון אונדזערע הערצער, און מיר האָפן אויף די באַלדיקע זכיה און זכות צו זיין פאַרבונדן באַלד אין געמיינזאַמער אַרבעט פאַרן קיום פונעם באַפרייטן יידישן פאָלק און פון אַ באַפרייטער מענטשהייט, און צוזאַמען בויען אַן ערלעכע און געהייליקטע קולטור, וואָס פאַרבינדט אַלע פעלקער אין איין משפחה פון פריינטלעכע ברידער.

פריינט פון יידיש-לשון.

לאָנדאָן, דעם 30-טן יולי, 1944.

פערלאַג און דרוקעריי י. טאַראַדיצקי און זין, 129, קאָוועל סט., לאָנדאָן, א.1.

פרייז 1 שילינג